שוין א לאו, יא.

**Speaker 1:**

און הלכות עירובין בן תחומין איז נאר די תיקון. דער אמת איז אז ס'וואלט באלאנגט אין הלכות שבת אויב אזוי. ס'איז נישט קלאר פארוואס איז דא הלכות עירובין, פארוואס לייגט ער עס אין אן עקסטערע הלכות.

**Speaker 2:**

אקעי, דער מסכת עירובין איז אויך אזוי, רייט?

**Speaker 1:**

איך האב גוט פארשטאנען.

**Speaker 2:**

אבער די גמרא איז א קשיא, ווייל די גמרא דארף נישט גיין מיט א לאגישע סדר ווי דער רמב"ם. אבער דער רמב"ם דארף דאך גיין א לאגישע סדר. איך וויל דיר זאגן, ביי די...

מילא עירובין, קענסטו זאגן, אונז זאלן יעצט פארשטיין, ס'איז א גאנצע עקסטערע איסור דרבנן פון די זאך. ס'קומט מיט תקנות, אסאך פרטים. פארשטיי איך, די פריערדיגע זעקס, פינף פרקים. אבער דא, דריי פרקים, פון וויאזוי מען מאכט עירובי תחומין?

**Speaker 1:**

אקעי, דו האסט א שלמות, האבן זאגט פראקטיש, וועלכע שבת שוין געווען צו לאנג. אבער איך זאג אז איינמאל דער רמב"ם האט געמאכט קודם די סדר פון די דאורייתות און אפגעטיילט די דרבנן, איז עס שוין גרינגער.

**Speaker 2:**

יא, ווייל ער האט נאר געזאגט די עיקר דין תחומין שבת, האט ער געזאגט ווייל ער האט אנגעהויבן מיט די דאורייתות, ער האט אנגעהויבן מיט די פסוק. איך זאג אז עמיר האט שוין געמאכט די חלוקה, איז די לענגערע דרבנות האט מען שוין געמאכט די הלכות ארום, יא. האט ער געזאגט די דאורייתות, נאר האט ער געזאגט די דרבנות בקיצור.

**Speaker 1:**

יא, אמת, גאנץ לאנג קיצור און טילטן, יא. דאס איז נישט נאר דעם, טוט די דרבנים פון תחומים נישט הקראכטן אויפן שבת. נאר די היפה, די עצה טובה, קען זענען אזא זאך איז נישט קלאר.

אבער אין די משנה קען מען זען אז מער פון די תקנות, אלע סארט תקנות, אינקלודינג תקנת לחי וקורה, שטייט אין מסכת עירובין. סאו די משנה צעטיילט זיך, כביכול וויל מען זאגן, צווישן די איסורים און צווישן די פתרונות. פאר די חזון איש'ניקעס האבן נישט וואס צו זאגן אז ביי זיי איז דא תרי"ג מצוות, און ביי די מענטשן וואס מאכן תקנות פון שבת איז דא תרי"ג בעיות און מ'דארף טרעפן פתרונות. אבער מסכת עירובין איז א ספר פון פתרונות לבעיות שבת, נישט קיין ספר הלכות.

און די אמת, לויט די חזון איש וואלט דער רמב"ם געמעגט שרייבן עירוב תבשילין דא אויך. אבער עירוב תבשילין איז שוין א דין אין יום טוב, יום טוב איז שוין צו ווייט. אויך איז עס נישט ממש א תקנה, ס'איז מער א איסור, דא האט די יואל דאס געמאכט. אבער ס'איז די זעלבע זאך, אז די טריק פון מתיר זיין איז א איסור דרבנן.

### Speaker 2:

אקעי, אקעי. אבער ס'איז דאך יום טוב.

### Speaker 1:

אבער ס'איז דאך יום טוב, יא.

**דיסקוסיע: פארוואס איז עירוב תבשילין נישט אין הלכות עירובין?**

### Speaker 2:

אקעי, סאו לאמיר לערנען די כלל פון עירובין, וואס דאס ארבעט.

### Speaker 1:

ניין, וואס איך מיין צו זאגן איז, אז דער רמב"ם וואלט געקענט אריינברענגען... מיר זעען אז אלע דריי האבן א ברכה פון "על מצות עירוב". קען מען עס אנקוקן ווי ס'איז דא א מצוה. איך וויל זאגן, למשל, זיי האבן געהאט א שאלה, למשל, צו הלכות שקלים איז א דין חודש אדר מאכט שקלים, אדער ס'איז א דין אין קרבנות אז מ'דארף האבן געלט פאר קרבנות?

וואס איך מיין צו זאגן איז, ס'איז דא עפעס א סוגיא וואס הייסט עירובין, וואס דאס נעמט אריין די דריי מצוות, און ס'הייסט "על מצות עירוב", וואס די חכמים האבן מתקן געווען. אקעי, איך זאג, דער רמב"ם האט עס נאך אלץ צעטיילט צווישן שבת און יום טוב. סאו, ס'איז דא א סוגיא פון עירובין. מה נפשך, אויב האט ער עס ארויפגעלייגט אויף א... וואס?

### Speaker 2:

עירוב תבשילין איז די איינציגסטע גנאי. איך מיין, דו ביסט גערעכט אז ס'ארבעט די זעלבע, און אים הייסט עס די זעלבע. דער רמב"ם אליינס, מיין איך, מסביר דאס אין הלכות. אבער ס'איז נישט די זעלבע אין די סענס... ס'איז בכלל נישט די זעלבע אין די סענס אז... וויאזוי הייסט עס... אז ס'איז מסכת עירובין. ס'איז נישט מסכת עירובין.

ס'איז אויך אנדערש, ווייל עירובין און תחומין,ביידע רעדט פון ספעיס און פון פלאץ און פון... ביי ביידע האט עס צו טון מיט מעסטן זאכן. ביי ביידע מעסט מען, ביי ביידע רעדט מען וועגן שטעט און וועגן לעבן די שטאט. איך זאג ס'איז די זעלבע מין מסכתא, דארט רעדט מען פון די קיטשן. ס'איז א... יא, אקעי. איך ווייס נישט. עניוועי, אממ... לעטס מאוו אן.

**הלכה א': מי שיוצא מן המדינה בערב שבת**

### Speaker 1:

יא, זאגט דער הייליגער רמ"א אזוי, ער הייבט אן אזוי, **"מי שיוצא מן המדינה בערב שבת"**, ווער ס'איז ארויסגעגאנגען פון שטאט

**הלכה א' – עירובי תחומין: הגדרה און יסוד**

**ערשטע שטימע:**

אקעי, איך זאג, דער רמב"ם האט עס נאך אלץ צעטיילט צווישן שבת און יום טוב.

סאו, ס'איז דא א סוגיא פון עירובין, העפענס טו בי, דער רמב"ם האט עס ארויפגעלייגט אויף א... וואס?

**אנדערע שטימע:**

עירובין איז די איינציגסטע קאנעקשן, איך מיין, דו ביסט גערעכט אז ס'ארבעט די זעלבע, ווייל ביי אים הייסט עס די זעלבע. דער רמב"ם אליינס, מיין איך, איז מסביר די הלכות. אבער ס'איז בכלל נישט די זעלבע אין די סענס אז ס'איז... ס'איז נישט עירובין. ס'איז א חצי עירוב.

**ערשטע שטימע:**

רייט, ס'איז נישט ממש א חצי עירוב, ניין. ס'איז אויך אנדערש, ווייל עירובין און תחומי שבת, ביידע רעדן פון ספעיס און פון פלאץ, ביידע האט צו טון מיט מעסטן זאכן. ביי ביידע מעסט מען, ביי ביידע רעדט מען וועגן שטעט און וועגן לעבן די שטאט, און ס'האט א סך... דו זאגסט, ס'איז די זעלבע מין מסכתא, און דאן רעדט מען פון די קיטשן סטאף. יא, אקעי. איך ווייס נישט. עניוועי, לעטס מאוו אן.

**לשון הרמב"ם: מי שיצא מן המדינה בערב שבת**

יא, זאגט דער הייליגער רמב"ם אזוי. ער הייבט אן אזוי: **"מי שיצא מן המדינה בערב שבת"**, ווער ס'איז ארויסגעגאנגען פון שטאט ערב שבת, **"והניח מזון שתי סעודות רחוק מן המדינה בתוך התחום"**, אויב האט ער געטון אזוי, ער האט גענומען מזון וויפיל מ'דארף פאר שתי סעודות – שתי סעודות איז דאכט זיך א שיעור, אזוי סאך, איך ווייס, צווייי כביצים אדער וואס – ער האט עס געלייגט רחוק מן המדינה, ווייט פון די שטאט, ווייל די שטאט אליין מעג ער דאך שוין טראגן, אבער ער האט עס געלייגט בתוך התחום, ער מוז עס לייגן אין די תחום, ווייל ס'דארף זיין א פלאץ וואו ער קען ריטשן. **"וקבע שביתתו שם"**, מיט דעם וואס ער האט דארטן געלייגט צוויי סעודות, האט ער קובע געווען אז דא זיצט ער, דא איז זיין שביתה.

איז די הלכה אזוי, אז **"אף על פי שחזר למדינה ולן בביתו"**, ער האט נישט באמת קובע שביתה געווען, ווייל ער איז צוריקגעגאנגען צו די שטאט און ער האט גענעכטיגט געהעריג אין זיין הויז. אבער איז די הלכה אז **"נחשב הוא כאילו שבת במקום"**, אז אונז רעכענען יא, די פלאץ וואו ער האט געטראגן די שתי סעודות און קובע געווען, רעכענען אונז, אפילו אונז ווייסן אז ער האט נישט עקטשועלי ווייל ער איז נישט אהיימגעגאנגען, אבער אונז רעכענען עס יא כאילו שבת, כאילו ער האט דארטן גערוהט, כאילו ער האט טאקע דארטן געוואוינט, במקום שהניח בו שתי סעודות. די פלאץ וואו ער האט געלייגט די צוויי סעודות.

און וזה נקרא, דער אקט פון קובע זיין די דירה דורך לייגן דארטן עסן ערב שבת ווערט אנגערופן עירובי תחומין, די עירוב וואס העלפט פאר די ענין פון תחומין שבת, פון די איסור פון תחומין.

**די עצה פון די חכמים**

שטייט אזוי ווי מיר האבן געזאגט אז די חכמים האבן גע'אסר'ט צו גיין מער ווי אלפים אמה, האבן די חכמים געזאגט די עצה, אז אויב מ'לייגט שתי סעודות ביי ערב שבת, הייסט עס ווערט דא געווארן דיין הויז, און דו קענסט גיין פון דא אלפים אמה, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט גלייך ווייטער, ויש לו להלך, יעצט נאכדעם וואס ס'איז קונה געווען דער פלאץ פאר זיין מקום דירה, מעג ער גיין פון די מקום עירובו אלפים אמה לכל רוח.

**הלכה ב – וועןֿ מ'גייט כנגד המדינה: פארלירן פון די אנדערע זייט**

איז דער רמב"ם מסביר, לפיכך כשהוא מהלך ממקום עירובו למחר אלפים אמה כנגד המדינה, דאס הייסט דעם נעקסטן טאג, דאס הייסט אז די עירוב איז פאר די תרוח, ס'איז נישטא אזא זאך א עירוב וואס מאכט גרעסער דיין שטאט, א עירוב מאכט אזא זאך אז דו וואוינסט דארט, שטימט? ממילא פארלירט ער פון די אנדערע זייט, ער קען נישט גיין מער ווי צוויי טויזנט אמה, דו וואוינסט דארט, קענסטו גיין יענע וועג, קענסטו גיין פון דארט צוויי טויזנט אמה ווייטער, אבער צוריקצוואוועגס, די אנדערע וועג, קענסטו נישט גיין ווייל דו וואוינסט נישט דארט, יא? שטימט?

אבער מ'האט שוין געזאגט פריער אז ס'מוז זיין בתוך התחום כדי ער זאל קענען שבת אהינגיין, יא? אבער נאכדעם וואס ער קומט אן צו די תחום שבת, קען ער טשוזן וועלכע זייט ער וויל גיין אלפים אמה, יא? פון דארט, אינקלודינג צוריק צו דעם וואס איז זיין הויז וואו ער קומט פון, אמת?

שטייט אז אויב ער וויל נאכדעם צוריק אהיימגיין אין די זעלבע שבת, ער קען צוריק אהיימגיין, ווייל ער גייט צוריק צו די תחום און פון דארטן אהיים. די תחום ווערט זיין סענטער, זיין סקוועאר פון צוויי טויזנט אמה ווערט עקזעקטלי ווי זיין עירוב איז, קומט אויס אז ווען ער גייט כנגד המדינה צוריק, במסקנות, איינער וואס מהלך במדינה לא סוף מדתו, ער קען ער נאר גיין 2000 אמה פון ווי זיין עירוב איז. ער קען נישט גיין די גאנצע שטאט, אזוי ווי די הלכה איז, פון עניוואן וואס זיין תחום ענדיגט זיך אינמיטן די שטאט, אז ער קען נישט גיין די גאנצע שטאט, אזוי ווי מיר האבן געלערנט הלכות תחום, רייט.

**ווען די מדינה איז בתוך מדתו: כולה כארבע אמות**

מילא, ער קען צוריקגיין נאר... ער דארף ער גיין ער קען נאר גיין די געזאגטע גמרא. אבער, ואם היו סו... ס'איז נאר דא איין אופן, אזוי ווי מיר האבן געלערנט הלכות חבלות, אויב איין... גאנצע שטאט איז בתוך זיין אלפיים אמה, דעמאלטס הייסט די גאנצע שטאט ד' אמות, סא ער קען גיין ווייטער... קען נאך גיין נאך די שטאט, נאך ביז ער ענדיגט זיין אלפיים אמה, זאגט ער.

זייער גוט. סא... סא, ואם היתה מדינה והיו לה עז בתוך מדתה, אויב די שטאט... ס'טייטש לאז, די שטאט איז קלענער ווי 2000 אמה און ס'איז אין די אלפיים אמה? יא. דאמאלטס וואס האב איך פון... אוקעי. אוקעי, אויב ס'איז אין די אלפיים אמה, איז די גאנצע שטאט ענדיגט זיך... רייט, דארף ער נישט ציילן. נארמאלערהייט, א מענטש דארף א גאנצע ציילן ווי ווייט ער וואקט, ציילן אדער וויסן די מדה, און אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט, אז ער טוהט נישט גיין מער ווי אלפיים אמה פון די עירוב פאר צוריק, און דארף ער מאכן זיך אז זיין הויז איז אין די אלפיים אמה פון די עירוב.

אבער דאס איז נאר, אויב די שטאט ווי ער גייט, די מדינה, איז נישט אין די אלפיים אמה. אבער אויב די מדינה איז אין די אלפיים אמה, האט ער די גאנצע שטח פון די מדינה. לאמיר זאגן אז די מדינה איז גרויס 800 אמה, האט ער יעצט קרעדיט כאילו 800 אמה. ער קען גיין אין די גאנצע מדינה, ווייל די גאנצע מדינה ווערט גערעכנט נאר ווי ארבע אמות, די חושש פון די מדינה איז כולו ארבע אמות.

יעצט, ויש לו מחוצה לה, ער קען גיין נאך, אויב ער וויל גיין ביז די ענד פון אלפיים אמה, קען ער גיין ביז די ענד פון די גאנצע אלפיים אמה אן רעכענען אט די די 800 פון די פון די... ער קומט אויס אז עס איז גרויס ווי די שטח פון די פון די מדינה איז, מילא ויש לו מחוצה לה, קען ער גיין ווייטער, ער קען וואקן ווייטער עמ, יא, מיט דעם חשבון.

### הלכה ג — כיצד: דוגמא מפורטת

איז דער רמב"ם מסביר מער. כיצד? דער רמב"ם מסביר וויאזוי דאס ארבעט: **הרי שהניח עירובו... בריחוק אלף אמה מביתו שבמדינה לרוח מזרח.** ער וויל גיין צו די דירעקשאן פון מזרח, איז ער געגאנגען אלף אמה פון זיין הויז צו די מזרח זייט, און ער האט דארטן געלייגט די עירוב.

איז אזוי, איז מארגן שבת ווען ער גייט דארפן וואקן, איז אזוי, ער נעמט צו, גייט ער מעגן וואקן שבת מהלך למחר, מארגן שבת גייט ער מעגן וואקן ממקום עירובו, פון די עירוב וואס איז יעצט געווארן זיין הויז, גייט ער קענען גיין אלפיים אמה למזרח, ומהלך ממקום עירובו, און נאכדעם, אויף מערב אויך אלפיים אמה.

אה, ס'הייסט ער קען דא טשוזן, ווען ער קומט אן צו זיין עירוב, ווען ער קומט אן צו זיין עירוב, האט ער יעצט אלפיים אמה צו וועלכע דירעקשאן ער וויל גיין, דאס קען ער גיין. אויב זיין הויז איז טויזנט אמה אוועק פון די עירוב לצד מערב, גייט ער אלף מן העירוב עד ביתו, ואלף אמה מביתו בתוך המדינה. אבער אויב די מדינה גייט ווייטער פון טויזנט אמה, קען ער נישט גיין אין די מדינה אלא עד סוף האלף, זייער גוט.

### הלכה ד — אם מביתו עד סוף המדינה פחות מאלף

אבער די הוספה, ער איז פשוט מסביר די זעלבע הלכות נאכאמאל מיט מער דיטאלן. **אויב מביתו עד סוף המדינה פחות מאלף, אפילו עס איז נאר וויניגער מיט אמה אחת, שנמצא אז מדתו כלתה חוץ למדינה,** ווייל די גאנצע מדינה איז אין זיין רשות, **איז חשובה המדינה כולה כארבע אמות,** רעכנט מען ווי די גאנצע מדינה ווי נאר ארבע אמות, ממילא באקומט ער קרעדיט, **ויהלך חוצה לה תשע מאות תשעים ושש,** דאס הייסט די אלפיים מיינוס ארבע אמות, תשלום אלפים ביז ער ענדיגט די צוויי טויזנט אמות. רייט, רייט, רייט, רייט. 1996 די אנדערע זייט אויך, לרוח מערב.

### הלכה ה — אם הניח עירובו בריחוק אלפים אמה: הפסיד את כל המדינה

לפיכך, זאגט די רמ"א אזוי, **לפיכך אם הניח עירובו בריחוק אלפיים אמה מביתו שבמדינה, הפסיד את כל המדינה כולה,** האט ער פארלוירן די גאנצע שטאט. ער האט געמיינט אז ער האט פארדינט יעצט, ער איז געווען סטינדזשי, ער איז געגאנגען די גאנצע צוויי טויזנט, אבער ער האט גענוצט כל המדינה כאילו. אבער יעצט קומט אויס אז די מדינה גייט נישט זיין אין זיין אלפיים אמה, מ'נעמט צו מהלך מביתו עד עירובו אלפיים אמה, ער מעג נאר גיין פון זיין הויז ביז די עירוב אלף אמה, און צוריק אויך מעירובו אלפיים אמה עד ביתו, ער טאר נישט גיין מער. **ואין לו מהלך מביתו למדינה לצד רוח מערב אפילו אמה אחת,** ער גייט נאכדעם בלייבן טרעפד אין זיין הויז, ער גייט נישט קענען ארויסגיין מוצאי שבת, ס'איז די פארקערטע דירעקשן, ווייל ער האט אויסגענוצט זיין פלאץ. נישט קיין עולה, אבער ער זאל נאר רעכענען די... יא, יענע וועג.

#### חידוש: דער עירוב רוקט נאר דעם צענטער

אבער דער רמב"ם גיבט זיך נאר ארויס אז די עירוב געבט נישט צו מער ווי צוויי טויזנט אמות, עס רוקט נאר וואו דיין צוויי טויזנט אמות זענען. ממילא גייט מען צוריק צו וואטעווער די הלכות פון צוויי טויזנט אמות זענען, וואס מ'האט שוין געלערנט אין הלכות שבת פריער. זייער גוט.

### הלכה ו — המניח עירובו ברשות היחיד

זאגט דער רמב"ם א נייע הלכה, אז ס'איז דא א מאל ווען די עירוב געבט חס וחלילה מער פלאץ ווי דו קענסט גיין.

זאגט דער רמב"ם, די דין איז צו גיין תחום שבת. פון א שובת ברשות היחיד, וואס געשעט ביי איינער וואס מאכט א עירוב אין א רשות היחיד? רייט. סאו ביז יעצט האבן מיר געלערנט ווען א מענטש וויל גיין אין די גאס, פון זיין הויז צו די גאס. אבער וואס טוט זיך אז ס'איז אין א גרויסע רשות היחיד? איך האב עס אין א גרויסע פעלד.

יא, **המניח את עירובו ברשות היחיד, אפילו היתה מדינה גדולה כנינוה,** ער לייגט זיין עירוב אין א רשות היחיד. אפילו היתה מדינה גדולה, אפילו די רשות היחיד איז זייער א גרויסע שטח, וואס דאס רופט ער מדינה, אפילו היתה שטח גדול, די רשות היחיד איז זייער גרויס. אה, א שטאט וואס מ'קומט אריין אין א רשות היחיד, למשל א שטאט וואס מ'האט א... דלתות ננעלות, אזא זאך. א מדינה איז א רשות היחיד לענין עירוב, דאס איז די פרינציפ. **אפילו עיר חריבה,** אפילו אדער ס'איז א חרוב'דיגע שטאט, אדער א מדינה וואס איז זייער גרויס, אדער א שטאט, א חרוב'דיגע שטאט וואס איז אבער נאך אלץ א רשות היחיד. אזוי הייבט ער אן.

#### וואס מיינט "מקום מחיצות"?

אזוי הייבט ער אן, רשות היחיד איז די הלכה דארט, מ'וועט זען וואס די הלכה איז. ברענגט ער דעם לשון פון מנוחת אהבה בשעת ייחוד, וואס מיינט ער צו זאגן?

א חסיד, און א הלכות, און א הלכות, און א הלכות, א חינוך. ער מיינט די מקום, מקום מחיצות. די שעת ייחוד איז ווען ס'איז אפילו נישט קיין שטאט. אבער און ס'איז א שטאט, דארפסט נישט זיין קיין שעת ייחוד. ס'דארף נאך זיין א שטאט. אהם. א וועפילו איך הרעווה.

#### מדינה שהיא רשות היחיד

**Speaker 1:** אזוי הייבט ער אן, ער הייבט אן די ווערטער **"מדינה שהיא רשות היחיד"**. וואס מיינט ער צו זאגן? ער מיינט דעם מקום המוקף מחיצות. רשות היחיד איז ווען ס'איז אפילו נישט קיין שטאט. אבער אויב ס'איז יא א שטאט, דארף עס נישט זיין קיין רשות היחיד, ס'דארף נאר זיין א שטאט.

אפילו "יחיד ועירבו" אדער "מערה הראויה לדיורין", אדער א גרויסע מערה וואס איז ראוי צו וואוינען דארטן, איז דער גאנצער שטח מעג מען וואקן, אזויווי ווען א מענטש איז אין א שטאט מעג ער וואקן אין די גאנצע שטאט. בהלכה כללית קען ער גיין אין די גאנצע שטאט, אפילו ס'איז א מדינה גדולה, אויסער דעם באקומט ער נאך אלפיים אמה לכל רוח. רייט? פונקט אזויווי ער וואוינט אין א שטאט, קען ער גיין אין די גאנצע שטאט. אויך האט ער אן יחיד'ס רשות היחיד וואס איז דער זעלבער געדאנק.

### הלכה ז׳ — הניח עירובו בתוך המדינה ששבת בה

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"הניח עירובו בתוך המדינה ששבת בה"**, איינער האט געלייגט זיין עירוב אין דער שטאט וואו ער האט עקשולי שובת געווען, **"לא עשה כלום"**, האט ער גארנישט אויפגעטון, ווייל ס'איז דאך שוין עניוועי מותר פאר אים צו גיין אלפיים אמה פון דעם פלאץ ווייל דו וואוינסט דא. האסטו זיך געדארפט לייגן אויך אן עירוב? דער גאנצער געדאנק פון עירוב איז צו קענען גיין אינדרויסן פון דיין שטאט צוויי טויזנט. **"ואין מודדין לו אלא ממקום עירובו"**, מ'מעסט אים נישט פון מקום עירובו. ס'טייטש, ער האט עס געלייגט אפאר גאסן אוועק פון וואו ער וואוינט, האט ער גארנישט גע'געינ'ט. **"אלא הרי הוא כבני המדינה כולה"**.

וואס? קען ער זעה איך נישט וואו ער קען גיין. איך האב די הלכה שוין פארלוירן. אקעי. **"אלא הרי הוא כבני המדינה כולה, שיש להם אלפיים אמה לכל רוח חוץ למדינה, לא הועיל ולא הזיק"**, ער האט גארנישט אויפגעטון מיט דעם, **"לא עשה כלום"**.

#### מקומות המצטרפים לעיר

**Speaker 1:** **"וכן אם נתן עירובו במקומות המצטרפים לעיר"**, די זעלבע זאך, אויב ער האט עס געלייגט נישט אין דער שטאט, נאר ער האט עס געלייגט אין די פלאץ וואס הלכה'דיג הייסט דיין שטאט לגבי עירוב. ס'טייטש, די מקומות המצטרפים לעיר. רייט? מיר האבן געלערנט אז דער מגרש העיר, דער שטח ארום די שטאט... אה, יעצט איז געווען דער ענין... יא. ער זאגט, ער מיינט דארט די בתים וואס איז דא. אה, אה. יא, דאס איז הלכה, רייט.

דער רמב"ם זאגט אז אויב ער האט עס געלייגט אין די שטאט וואו ער זיצט, מיין איך נישט נאר צו זאגן וואס ס'הייסט אין די ביזנעס דירעקטא אין גוגל מעפס די שטאט, נאר איך מיין צו זאגן די הלכות וואס זיי האבן געלערנט אין הלכות שבת, אז ארום די שטאט איז נאך דא שטחים וואס איז נאך... לגבי תחום שבת האט מען אנהייבן ציילן אלפים אמה אינדרויסן פון די שטחים, די הייזקעס ארום די שטאט וואס זענען אין די ריבוע העיר, אדער אזעלכע סארט הלכות וואס זיי האבן געלערנט.

מקוואות מצטרפים לעיר. ניין, וואס איז נאך יא געווען? זיי האבן געהאט... ער מיינט זיכער אזוויי א הויז וואס איז ווייניגער ווי זיבעציג אמה ושליש. אה, וואס איז דאס נישט אויך לכאורה, עניטינג וואס הלכה זאגט אז די אלפים אמה הייבט זיך אן פון דארט, דאס איז די ווארט.

אפשר מיינט ער צו זאגן אזוויי די מניח עירובו בתוך המדינה. ניין, ס'איז מניח עירובו בתוך התחום. דו ביסט גערעכט אז ער האט גארנישט אויפגעטאן, ווייל ער קען שוין דאך א תחום. ניין, ער זאגט אז ער קונה מקום העיר, ווייל די פלאץ וואו דו מעגסט ערוועי פון דארטן גיין אלפים אמה האסטו גארנישט אויפגעטאן. דיין גאנצע אופטון הייבט זיך אן ווען דו הייבסט אן גיין.

#### נתן עירובו חוץ לתחום

**Speaker 1:** **נתן עירובו חוץ לתחום**, די זעלבע זאך, אויב איינער האט געלייגט זיין עירוב אינדרויסן פון זיין תחום שבת, איז עס טייטש, ווייל ער איז צוריקגעוואקט און ער גייט נישט קענען אנקומען ביז אהין, איז ווייטער האסטו גארנישט אויפגעטאן מיט דיין עירוב. ס'דארף זיין א פלאץ וואו שבת מעגסטו אנקומען דארטן, זאגט מען אז נאכדעם וואס דו קומסט אן דארטן באקומסטו פון דארטן אלפים אמה.

אבער אויב ער האט עס ארויסגעלייגט אינדרויסן פון זיין תחום, איז קודם כל, לויט די שפעטערדיגע הלכות איז עס אויך נישט אזוויי א כשר'ע עירוב, ווייל א עירוב דארף זיין עפעס וואס שבת קען ער עס עסן, וואס ס'איז ראוי פאר אים שבת. אבער אפילו אן דעם, יעצט איז אן ענין, ווייל דער עירוב איז נישט קיין גוטע עירוב, כאילו ס'איז נישט א גוטע ברויט, כאילו ווייל מען קען נישט... דא איז עס פשוט ווייל ס'איז נישט אין זיין ריטש, ער האט נישט געטאן די עירוב באופן וואס ס'קען אים העלפן. אין אנדערע ווערטער, ער איז שוין יעצט אויטסייד פון די אמאי גאנג. וואס זאל מען זאגן אז ער איז ביי זיך אין שטוב בכלל?

#### דיסקוסיע: לא יועיל כלום

**Speaker 2:** וואס, לא יועיל כלום.

**Speaker 1:** דא איז די ווארט אויך לא יועיל כלום. דאס איז זיין כוונה.

**Speaker 2:** איינער עלטער, וואס האט ער געזאגט?

**Speaker 1:** ניין, אבער ס'איז אן וואונדער, ווייל לא יועיל כלום גייט ארויף, ער לייגט עס איינס אויף די אנדערע, ווייל דאס איז די ווארט. ער מיינט צו זאגן, דער מענטש האט בכלל נישט... ער האט נישט געטאן ער האט נישט געטון עפעס וואס העלפט דא. זיין עירוב איז בכלל נישט קיין עירוב. ער באקומט אויך נישט די קנס וואס דו זאגסט. איין עירוב, און אזוי ווערט נישט געמאכט קיין עירוב.

#### דיסקוסיע: ווי אזוי עירוב תחומין ארבעט

**Speaker 2:** דו זאגסט די גאנצע צייט, ווען ער קומט אן האט ער צוויי טויזנט אמה, ער האט שוין צוויי טויזנט אמה לכתחילה, נאר ער איז געוועגליך בתוך די צוויי טויזנט אמה פון ווי ער וואוינט דארט.

**Speaker 1:** יא, אבער ס'האט אויסגעצויגן זיין אלפים אמה דאפלט, ווייל יעצט קען ער גיין פון זיין הויז אהין, פון די שטאט קען ער גיין, און נאכדעם ווען ער קומט אן צו זיין עירוב באקומט ער פון דארט נאך א ווייטערע צוויי טויזנט אמה.

**Speaker 2:** נאכדעם וואקן צוויי טויזנט אמה?

**Speaker 1:** ניין, ניין.

**Speaker 2:** שטייט ער לייגט עס אין די צוויי טויזנט אמה פון זיין שטאט, מעג ער גיין ביז אהין?

**Speaker 1:** ניין, ניין, נאך א ווייטערע טויזנט אמה.

**Speaker 2:** אהא.

**Speaker 1:** צוויי טויזנט אמה האט מען אלעמאל לכל רוח, רייט? אויב דיין עירוב איז within צוויי טויזנט אמה פון דא, פארלירסטו אויף די אנדערע זייט, אזוי האבן זיי געלערנט. סך הכל פארדינסטו, דו ריקסט דאן ווי דו ביסט.

מען באקומט בכלל נישט מער פלאץ טעכניש. מען באקומט למעשה מער פלאץ, ווייל אין איין דירעקשאן האסטו נאר געקענט גיין צוויי טויזנט, און יעצט קענסטו גיין פיר טויזנט, ווייל דו ביסט שוין כאילו דארט. אבער איך זאג דעם, דאס איז וואס איך זאג אז כאילו ווען ער איז אינדערהיים איז ער אויך אין א פלאץ וואו ער מעג זיין, ווייל ער וואוינט דאך דארט, און ער האט שוין געמעגט דא קומען. למעשה איז ער שוין נישט קיין גיין ווי ער וויל, פארדעם איז ער מעגליך פאר א מענטש צו לייגן אן עירוב חוץ לתחום.

אבער אונז זאגן נישט אפילו די כח אז די עירוב זאל ארבעטן לחומרא, אז דו זאלסט זאגן ער טאר זיך נישט רירן ווייל ער איז יוצא חוץ לתחום, ער טאר זיך נישט רירן ערב שבת. די עירוב איז נישט שייך פאר אים, סאו ער טוט נישט גארנישט.

#### הלכה ח: אין מערבין אלא לדבר מצוה

**Speaker 1:** סאו יעצט הלכה ח', לענין אז מען קען נישט צוגריטן אן עירוב. רייט, סאו איך זאג אזוי, ביז יעצט וואלט איך געזאגט אז ס'איז א פשוט'ע פראקטישע סאלושן וואס מ'קען אייביג נוצן. ניין, ניין, ניין, בארואיגט אייך, זאגט דער רמב"ם. ס'דארף זיין א צורך דאס צו טון. **אין מערבין עירובי תחומין אלא לדבר מצוה.**

#### דוגמאות פון אהבה

**Speaker 1:** כגון, זאגט ער, און ער זאגט אן אינטערעסאנטע זאך, ער זאגט "אהבת ישראל". איך האב געטראכט אז אפשר דאס איז וואס איז מאחד די מצוה פון עירוב. אבער לאמיר קודם לערנען די סיבות וואס ער זאגט, וואס איז אן עבודת ה'. **כגון שהיה רוצה ללכת לבית האבל**, ער וויל גיין טרייסטן א יוד.

אגב, די פארמאל, אונז האבן שוין גערעדט וועגן דעם, די פארמאל זאגט מען אפשר נישט די "המקום ינחם", אבער מ'גייט זיין דארט מיט א צובראכענעם יוד. אבער די משנה, מ'זאגט יא "המקום", און מ'געדענקט נישט. איך מיין אז דא איז עפעס א... די הלכה איז אז מ'איז מנחם אבלים בשבת. די מנהג איז אפשר נישט אזוי? מענטשן מיינען אז ווייל ער זיצט נישט שבעה און ער זיצט נישט אויף דער ערד, אז שבת טוט נישט ווי די אבילות בפרהסיא, קען מען נישט מנחם אבל זיין. אפשר איז די "המקום ינחם" אליין אבילות בפרהסיא, ניין? אקעי. רייט.

**או למשתה של נשואין**, אדער מ'גייט משתתף זיין ביי א חתונה, וואס אונז האבן אויך געלערנט שוין אין הלכות שבת אז מ'מעג יא מאכן א חתונה אויף שבת, ובלבד שתהיה מצוה לראשונה.

**או להקביל פני רבו**, אדער מעג מען גיין פאר די מצוה פון גיין לערנען מיט'ן רבי'ן, וואס אונז האבן מיר אויך געלערנט אין הלכות שבת, אז אנשטאט זיצן אינדערהיים און לערנען עפעס א שיינע מעשה אין ספר מלכים, זאל מען גיין אין בית המדרש צו הערן דעם רבי'ן. ער מיינט מקבל פנים זיין, רייט, און באזוכן אדער... רייט. אונז האבן דאס אויך, רייט. אין הלכות יום כיפור זעען מיר אז מ'מעג אפילו ארייגגיין אין וואסער אויף יום כיפור, א יום טוב דארף מען גיין.

**או חברים שבאו ממדינה אחרת**, באגריסן א חבר, אזוי ווי אונז האבן געלערנט אין הלכות ברכות, אז ווען א חבר האט מען נישט געזען א שטיק צייט מאכט מען "שהחיינו", ס'איז א געוואלדיגע וויכטיגע זאך צו זען חברים.

**יראה**

**Speaker 1:** אקעי, **וכי יוצא באלו**, דאס איז אלץ א בת מאהבה. **או מפני היראה**, יא, אהבה ויראה. **או מפני היראה, כגון שהיה רוצה לברוח מן הגוים ומן הלסטים**. אסמאלדיגע זיינע, ווייל בעצם איז עס אויך א דבר מצוה. יא?

**דיסקוסיע: אהבה און יראה**

**Speaker 2:** ניין, אהבה מיינט אז מ'וויל אנקומען ערגעץ, יראה מיינט אז מ'וויל אוועקגיין פון עפעס.

**Speaker 1:** קדושה וטהרה איז ענליך, יא. ניין, עס איז נישט אזוי, ווייל בעצם איז עס אויך... איך מיין, אויב עס איז טאקע דא א חשש פון גוים, און מ'ליסט אים אז ס'איז א דבר מצוה, און ס'איז א לשון, ער זאגט יא. די אלע זאכן, עס איז אזא קצת מצוה, יא. ניין, וועגן דעם איז מצוה, ווייל עס פעלט אויס. אבער דער פוינט איז... דאס זאגט ער, נאר דער אהבה, יראה מיינט אז ער טוט די מצוה, איך מיין... זייער גוט.

**בדיעבד גילטיג אפילו פאר דבר הרשות**

**Speaker 1:** **וכיוצא בזה**. ס'דארף זיין א דבר מצוה. אבער ס'זאגט דער רמב"ם, דאס איז נאר לכתחילה. אבער **"ומן עירוב שלא לאכול מכלל אלו דברי הרשות"**, סתם, ווייל ער וויל זיך כאפן לאנגע שפאצירן, **"הרי זה עירוב"**. איז עס א... בדיעבד ארבעט דאס יא. די חכמים האבן נאר געזאגט אז מ'זאל נישט לכתחילה מאכן אן עירוב תחומין.

**חידוש: עירוב און אהבת ישראל**

**Speaker 1:** סאו, כ'האב מיר געטראכט אז עירוב איז די ענין פון מרבה זיין אהבת ישראל. יא, ווייל די חכמים האבן גע'אסר'ט, למשל ביי עירובי חצרות, ס'איז דאך אויך די זעלבע זאך. ביי עירובי חצרות האבן די חכמים גע'אסר'ט צו... ארויסטראגן פון די הייזער צו די חצר, און זיי האבן געמאכט מיט דעם אזא... אזא פירוד, יא? אז אנשטאט זאגן אז די גאנצע חצר איז איינס, האבן זיי געמאכט א פירוד. האבן זיי עס פאררעכטן, און געזאגט מ'מאכט אן עירוב, און יעדער איינער איז איין גרויסע ביג העפי פעמילי.

דא אויכעט, זיי האבן מקבל געווען פון גיין ווייט, מיילן, אז מענטשן זאלן זיך וויניגער טרעפן, מענטשן זאלן נישט גיין צו ניחום אבלים און צו שמחות. האבן זיי מתקן געווען, ס'איז זייער וויכטיג, עירוב איז אלל אבאוט... און אפשר אויך רפואה שלימה, מ'זאל שבת קענען נעמען געסט. אקעי, יעצט פארקריך איך שוין.

**דיסקוסיע: פארוואס נאר לדבר מצוה?**

**Speaker 2:** אבער וואס איז די פשט אז זיי האבן געווען מקבל געווען די דבר מצוה ביי משלוח, עירובי חצרות? איז פארקערט, איז אה... נישט פארקערט, ניין, נישט פארקערט. ס'איז א זאך וואס מ'זאל דוקא יא מאכן. איך געדענק נישט אזא לשון, עט ליעסט נישט אין רמב"ם.

פארוואס דא די ענין?

**Speaker 1:** אפשר די חכמים האבן נישט געוואלט מענטשן זאלן זיך אנשטרענגען שבת?

**Speaker 2:** וואס האט דאס צוטון מיט די הליכה? דאס וואס זיי האבן געלערנט אז מ'זאל נישט וואקן, און די חכמים האבן נישט געוואלט מענטשן זאלן זיך אנשטרענגען שטארק שבת צו וואקן צו ווייט צו וואקס?

**Speaker 1:** איך וואלט געמיינט אז ס'איז פשוט ווייל ס'איז נישט... די עירוב איז נישט עכט. ס'הייסט כאילו ער וואוינט דארט, אבער באמת וואוינט ep נישט דארט. אבער ס'איז דאך אין די י"ב מיל, איך האב אין די י"ב מיל, פארוואס זאלן די חכמים אנגעזאגט אויב טוסטו דאס מודה... די חכמים געבן נישט א תירים אין די וועלט אריין. וואלט ער געבליבן א כלל גדול בתורה, אונז האבן אויסגעלערנט צו סאך צו פיל א סקיליסטיק.

**פילאזאפישער דיון: פארוואס דארף מען א עירוב און וואס איז דער טעם פון איסור תחומין**

**Speaker 1:**

איך וואלט געמיינט אז ס'איז פשוט ווייל ס'איז נישט אמת, א עירוב איז נישט עכט. דאס הייסט, כאילו ער וואוינט דארט, אבער ער וואוינט למעשה נישט דארט. אבער ס'איז דאך אין די עירוב ביתו, ס'איז דאך אין די עירוב ביתו.

די חכמים האבן געזאגט, די חכמים געבן נישט די טעמים אין די וועלט אריין. אפילו אין כלל גדול דתורה, ווי מיר האבן געלערנט, אז ס'איז דא א הלכה, ס'שטייט אין הימלישע ספר "כך צריך לעשות" לפי געוויסע כללים, און די חכמים זאגן נאר וואס ס'שטייט אין יענע כללים. אפילו ווען ס'איז מדרבנן, האבן די רבנן געמאכט די כלל.

אבער מ'זעט אסאך מאל, און איך האב אסאך ראיות, און דאס איז למשל איינע פון זיי, אז ס'איז נישט אמת, ס'איז נישט פשט אז ס'איז דא א איסור גיין מדרבנן מער ווי תחומין שבת, און ס'איז אויך דא א היתר אויף א געוויסע גדר אין "כל בשביל תוספת". ס'איז אמת אז ס'איז דא אזא היתר, אזוויי דו זאגסט ביי די עובדי ארדזשעס, אבער ס'איז נישט נאר דאס.

ס'איז אויך דאס, כאילו, אז וויכטיג איז אז א מענטש זאל גיין צום רב, און דער רב קוקט אויף אים און ער זאגט, "יא, איך האלט אז דו מעגסט גיין." וויאזוי זאלסטו גיין? מיט א עירוב, נישט אליינס.

ס'דארף זיין א גוטע ריזען. מ'דארף געבן, אזוויי א יונגל איז אין חדר און ער וויל ארויסגיין. פרעגט דער רבי, "פארוואס גייסטו ארויס?" קענסט זאגן ס'איז דא א איסור ביטול תורה, מ'דארף ביטול בית המדרש אפשר, ס'איז אן אנדערע ביטול תורה, ביטול תשמישם של בית רבן, ס'איז אן אנדערע זאך. ער זאגט, "איך וויל ארויסגיין." פרעגט אים דער רבי, "האסט א גוטן תירוץ?" ס'איז דא א גדר, "לצורך מותר לצאת מן החדר." ס'איז דא א ליסט פון צרכים. ס'קען זיין א ברייטע ליסט, אבער למעשה דארף מען יעדע מאל בעטן רשות כאילו. דער רבי געבט טאקע רשות, און אפשר זאגט ער, "דו קענסט ארויס, נאר בתנאי אז דו לערנסט נאכמיטאג די סיידער מיט דיין טאטע." איך ווייס נישט, ער געבט עפעס א תנאי, עפעס אן עצה טובה וויאזוי ס'איז מעגליך, וויאזוי ס'שאדט נישט פאר די סדר הלימוד.

אבער אומקאל זום, מ'דארף יעדע מאל מסכים זיין, דער רב זאל געבן א ריזען אז ער איז מסכים אז ס'איז מותר. ער געבט נישט סתם צו מאכן א עירוב. א עירוב איז א היתר אויף א איסור לכל הדעות, נישט קיין גליק. פארוואס איז דא איסור תחומין? אויב ס'איז א וויכטיגע צורך, א גוטע צורך,

פארוואס איז אנדערש עירוב חצרות? עירוב חצרות איז נישט אזוי. אבער וואס איז דאך די זעלבע מין מצוה, די זעלבע מין תיקון. עס איז מער ענליך צו וואס איך זאג אז מען טאר אויך נישט וואקן צופיל שבת.

דו ווייסט אז מען טאר נישט צופיל וואקן, דאס איז דער איסור תחומין אליין. דו טארסט נישט צולייגן נאך א זאך צו דעם. אוודאי איז דא א איסור דא, און דו מאכסט אראפ די איסור. ווייל אזוי ווי דו זאגסט, למעשה, אגב, נאכדעם וואס ער וואוינט טעקניקלי און ער פארלירט אן אנדערע וועג, אבער למעשה גייט ער ארויסגיין חוץ לתחום, ער גייט טון דאך א מדברי'דיגע זאך. ער וואוינט נישט עכט דארט, ס'איז נאר אן עצה'לע, א למדנות אז ס'איז אן עצה. עירוב חצרות איז נישט, איז ווי אן עצה. עירוב חצרות, מען טראגט א מיליאן שבת ביז אויפ'ן לענדלארד'ס ארויס אביסל.

די וועג וויאזוי דו זאגסט עס מאכט עס סאונדן אזוי ווי, אונז ווילן נישט אז א מענטש זאל וואקן צופיל. די תורה זאגט ביז א מיל. די חכמים זאגן לכתחילה נאר אין אלפים. אויב שוין וועסטו זיין בחצרות וועלן מיר דיר נאכלאזן צו גיין מער. כאילו דו זאגסט אז אויב איינער וויל זיין גאר א גרויסער מהדר זאל ער נישט וואקן ניטאמאל אלפים. ס'איז אביסל... מען האט שוין פארגעסן פון די טעם פארוואס מען האט עס געטון.

אבער ער ברענגט הלכה למעשה, שולחן ערוך פסק'נט וואס איך זאג דיר אויך אז מען טאר נישט מאכן קיין עירוב פאר נולד צורך מצוה. ס'איז דא א איסור, און דו געסט דיר א היתר. אבער די רבנים געבן דאך א היתר צעטל. אבער זיי געבן נישט סתם אזוי.

### Speaker 2:

אין אנדערע ווערטער, איך וועל דיר זאגן אפילו אזוי. די רבנים, חכמים, יא, די רבנים, וואטעוועה, זיי קאנטראלירן, זיי האלטן אז ס'איז דא גוטע זאכן וואס מען טוט און נישט גוטע זאכן. דו קענסט זאגן סתם וועגן נישט גיין שבת, דו קענסט זאגן סתם פארוואס זאל א מענטש נישט סתם שפאצירן? א מענטש זאגט איך וויל גיין צום טעאטער, זאגט אים ניין, גיי נישט. פארוואס נישט? דו האסט חן מיט... איי, חן מיט מיר טעקניקלי, נישט קיין חילוק, דאס איז נאך א וועג אז א מענטש זאל נישט טון זאכן וואס זענען נאר רשות, לאמיר זיך מאכן רשות. דאס האב איך געמיינט.

אבער דו דארפסט וויסן ווייל ער איז דאך מתיר געווען א קליינע דבר מצוה, אן איידעלע דבר מצוה. סא קען זיך שוין א מענטש זאגן אז ס'איז עונג שבת ווייל ער האט זייער הנאה פון א לאנגע שפאציר? ס'איז נישט אזוי ווי הייסט ווי חבורה שבים בדרך?

### Speaker 1:

לאמיר זאגן, איך ווייס נישט. דו פרעגסט דיך קודם וואס איז א מצוה. מצוה מיינט נישט דאס וואס דו האסט א טעם זאגן. מצוה מיינט א שטיקל מצוה, א פאזיטיווע זאך.

### Speaker 2:

די רב, איך זעה נישט ווי די רב קומט אריין אין די פיקטשער. ס'איז נישט אזוי א זאך מ'באקשט רשות מיט ביזנעס. א מענטש קען מאכן אליין אפ. די רבנים האבן געשריבן די הלכות, זיי זענען די רב וואס איז נישט אזוי ווערד די רשות. ער זאגט ס'איז נישט אזוי א כלל. די רב זאל מסכים זיין אז ס'איז א גוטע ריזן וואס דו טוסט. און דרך אגב, איך מיין אז גראדע יא, אז די רבנים וואס האבן די הלכות פון די תורה געמאכט, האבן זיי געקומען צו די רב פרעגן. די הלכות זענען נישט געשריבן פאר מענטשן, ווער האט די רבנים געשריבן פאר רבנים? ס'איז דא אזא כלל.

ס'איז אויך אביסל אינטערעסאנט אז פון איין וועג מאכט מען א ברכה על מצות עירוב, און דא זאגט מען אז ס'איז א גרויסע ווי די עבירה און מ'טוט עס נאר פאר א דבר מצוה. ס'איז אויך אביסל אן אינטערעסאנטע.

### Speaker 1:

אויב מעג מען אויף א דבר הרשות, זעט מען אז ס'איז נישט עפעס וואס איז... דו זאגסט אז איך טו א מצוה, איך זאג על מצות עירוב, כאילו איך מאך אן עירוב איז א גוטע זאך. איך מאך אן עירוב איז נישט קיין גוטע זאך, אפשר איז זייער וויכטיג, אבער ס'איז א וועג צו קענען מתיר זיין צו גיין צו א דבר מצוה. אזוי קען מען טראכטן אויבן אויף. אקעי, ווייטער. לאמיר גיין ווייטער. פיין.

### Speaker 2:

פון וואס מ'מאכט מיט די עירוב, יא? למעשה, אויב מ'האט געמאכט אן עירוב אויף אן דבר הרשות, איז ער אזא עירוב. דאס וואס די רב זאגט איז נישט די גזירה פון די רבנים. די רב גייט נישט קיין היתר. יעצט, זומער איז די איינציגסטע צייט וואס ס'איז נוגע די ענין פון תחום שבת. מענטשן וואס וואוינען אין ברוקלין איז נישט אזוי שייך. אין די מאונטענס איז אסאך אפט שייך, און די מגן אברהם רעדט צו מ'מעג גיין צו קענען דאווענען מיט מנין. לכאורה איז עס נאך אזא שטארקע דבר מצוה ווי ללוות את חבירו.

**הלכה ט: במה מערבין — שיעור מזון שתי סעודות**

### Speaker 1:

ווייטער. זאגט די רמב"ם ווייטער, מיט וואס מאכט מען די עירוב? דאס דארף זיין מזון שתי סעודות.

זאגט דער רמב"ם אזוי, צו דער רמב"ם האט דיר שוין געזאגט, אונז האבן דאך יעצט געלערנט הלכות שיתופי מבואות, און דארטן האבן מיר געזאגט אז ס'דארף זיין פת. אה, ס'דארף זיין אן אוכל. עירוב חצרות דארף זיין פת, אבער שיתופי מבואות איז געווען סיי וועלכע עסן וואס איז א שיעור סעודה, און דארטן איז געשטאנען ווי סאך, אויב ס'לויפט אן איז עס כדי שיעור, לאו דווקא פת.

ער גייט נישט זאגן, נאר נאר, **כל שמערבין בו עירובי תחומין**, עניטינג וואס מ'האט אויסגערעכנט וואס מ'קען נוצן פאר שיתופי מבואות קען מען מערב זיין עירובי תחומין, און דארטן האט ער אויסגערעכנט שיעור פון געוויסע, אויב ס'איז פרוכט איז אזויפיל און אזויפיל וכדומה. **חוץ עיסה שלא אפאה**, וואס אונז האבן מיר געלערנט אז מ'קען נישט נוצן פאר שיתופי מבואות, ווייל ס'איז נישט גענוג חשוב'ע עסן, איך געדענק נישט... אה, ווייל ס'איז נישט קיין מאכל חשוב, **אין מערבין בו עירובי תחומין**, נוצט מען אויך נישט פאר עירובי תחומין.

**וכמה שיעור עירובי תחומין?** זאגט דער רמב"ם, דער שיעור איז **מזון שתי סעודות לכל אחד ואחד**, שיעור שתי סעודות פאר יעדן מענטש וואס מ'וויל מתיר זיין צו וואקן. **ואם היה לפתן**, אויב נוצט ער נישט די עסן אליין, די מעין קורס, נאר עפעס וואס מ'עסט צו מיט'ן ברויט, **כדי לאכול בו שתי סעודות**, איז דער שיעור וויפיל מ'עסט מיט די ברויט פון שתי סעודות, אזוי ווי די הלכה האבן מיר פריער געלערנט בשותפות.

נישט אזוי ווי עירוב חצרות, די הלכה איז אזוי ווי שותפות. אפילו א גרויסע עולם מענטשן איז נאך אלץ גענוג צוויי סעודות. יא, שפעטער גייט ער שטיין בפירוש אז אפילו א גרויסע עולם דארף יעדער איינער געבן מזון שתי סעודות. די עצה איז, אזוי ווי ער זאגט, אז מ'זאל מאכן אריכות ימים. די עצה איז צו נעמען אזא ליפט פלאן. א סעודה.

### Speaker 2:

אבער ער האט מורא געהאט אז איינער שלעפט פאר חזירה?

### Speaker 1:

ניין, ניין, אקעי. ער זאגט שפעטער וואס מ'טוט. מ'לייגט א מונה נושא אין די קליינער פאר יא? ניין, ניין, ניין. ווייל מ'מיינט אז מ'זאל מאכן א ליפט פלאן, נישט מיט אביסל א קלענערע סעודה. ניין, פראקטיש זאל זיין א ליפט פלאן. מ'קען אפילו מאכן זאלץ וואסער זאל זיין גענוג. דאס הייסט אזויווי א מריות, יא? און ס'איז זייער ווייניג, וויפיל נוצט מען ביי א סעודה? נישט קיין סאך. סאו א באטל דערפון איז גענוג פאר הונדערט מענטשן און פאר צוויי סעודות. פארשטייסט?

**הלכה י: הוא ועירובו במקום אחד**

### Speaker 1:

און ער זאגט דער רמ"א ווייטער, אסאך האבן פרושים וואס לערנען אלעס וועגן דעם, אז א עירוב דארף זיין... ס'דארף זיין אקסעסיבל צו אים, ס'דארף זיין א פלאץ וואו ער קען עס עסן. נישט נאר בין השמשות, יא?

זאגט דער רמ"א אזוי, **וצריך שיהא הוא ועירובו במקום אחד**. דער פלאץ וואו מ'לייגט די עירוב דארף זיין די זעלבע פלאץ וואו ווען ער גייט קומען שבת גייט ער זיין. **כדי שיהא אפשר לו לאכלו בין השמשות**. אז אויב וואלט ער געווען דארטן בין השמשות, זאל ער עס טאקע קענען עסן. אבער אויב איז עס שטארק אפגערוקט, און מ'וועט זען באלד הלכות, למשל אויב קען ער נישט צוקומען צו די עסן פאר סיבות, וועט עס נישט טויגן.

דער רמ"א מסביר, **לפיכך אם נתכוין לשבות ברשות הרבים, והניח עירובו ברשות היחיד** — דארטן ביים תחום שבת עריע איז דא רשות הרבים און איין רשות היחיד — **או ברשות היחיד, או להיפך, והניח עירובו ברשות הרבים, אינו עירוב**. ס'איז נישט קיין גוטע עירוב. פארוואס? ווייל דער מענטש גייט דאך זיין אין איין רשות, ער וויל דאך שובת זיין אין רשות הרבים, און ער גייט נישט קענען ברענגען די עירוב, די עסן, צו זיך. **שאי אפשר להוציא מרשות היחיד לרשות הרבים בין השמשות אלא בעבירה**. ס'איז דאך אן עבירה צו טון אן איסור דאורייתא פון הוצאה מרשות היחיד לרשות הרבים בין השמשות. איז די עירוב נישט אמת'דיג ראוי פאר אים צו עסן, און ס'איז נישט "הוא ועירובו במקום אחד".

## Speaker 2:

וועלכע פלאץ זאל זיין דער פלאץ וואו דארטן איז א מקום פון וואו ער גייט גיין? ס'מיינט נישט אז איך לאז מיין עירוב אין אין א גאס, ער גייט צו זיין ראש ישיבה לאמיר זאגן, און ער גייט אהיים.

## Speaker 1:

ניין, מ'רעדט נישט פון דעם. ניין, מ'רעדט פון די פלאץ וואו ער האט געלייגט די עירוב איז דא, איך האב פארשטאנען אז ס'איז א הויז דארטן, ער האט עס געלייגט אויף די דאך פון די הויז. זעט אויס אז די פלאץ וואו ער האט געלייגט די עירוב איז נישט א פלאץ וואו דארטן קען שובת זיין, ס'איז אויף א בוים, ס'איז אויף א דאך פון א הויז. שובת זיין איז די פלאץ וואו...

**פשט הענין: ווען דער עירוב און דער מענטש זענען אין צוויי פארשיידענע רשויות**

## Speaker 1:

ווייל די עירוב איז אין א פלאץ וואס איז נישט זיין הויז. ער האט געלייגט די עירוב למשל אויבן. די עירוב מאכט אז בערך די פלאץ, אז די נאנטסטע פלאץ צו די עירוב, די פלאץ וואו ער קען זיצן, די פלאץ וואו ער קען זיין מקיים "קוקען" וואו ער זיצט, ער גייט עסן דארטן די סעודה. דארף זיין א פלאץ וואו מ'קען זיצן באקוועם. די ווארט "באקוועם" האב איך סתם אריינגעלייגט דא, אבער דא אין דעם פאל גייט ער דאך נישט קענען עקטשועלי זיין דארטן ווי ער האט געטראכט פון די שביתה און עסן די סעודה, ווייל ער קען נישט ריטשן די סעודה, ער קען נישט ריטשן די עירוב, ווייל ס'איז רשות היחיד און זיין שביתה איז אין רשות הרבים.

איך מיין, די פאל וואס מ'רעדט דא איז אז ער קען נישט שובת זיין אין די רשות היחיד אזויווי אין רשות הרבים, ווייל ס'איז צווייטע שטאק, איך ווייס נישט וואס, ער האט געלייגט זיין עירוב אויף א דאך. וויבאלד אונז זעען בפועל אז ער קען נישט גיין, און ס'איז פארבאטן, אדער ער האט זיך עכט געזאגט "מקום שביתתי". "מקום שביתתי" שטייט סתם, ס'איז עפעס וואס שטייט נישט אין א בעיסיק טייטש. "מקום שביתתי" - ער זאגט, ס'האט צו טון מיט וואס ער זאגט. ער זאגט, "אני כוונתי בסוסי".

ביי אילן גייען מיר זען, יא, מיר וועלן זען שפעטער אויב הלכה'דיג קען ער נישט אראפנעמען די עסן פון דארט, אדער ווייל ער קען נישט ארויפגיין. מיר וועלן זען הלכה'דיג וואס איז רשות הרבים, און נאכדעם וועלן מיר פארשטיין וואס טייטש "מקום שביתתי".

## Speaker 2:

רייט. פארוואס זאל מען נישט זאגן אז טאקע די עירוב איז די רשות היחיד דארטן וואו די עירוב איז? פארוואס איז דא עפעס אן עקסטערע...

## Speaker 1:

רייט. איך פארשטיי אויך נישט. אפשר מיינט ער טאקע אז די פנים איז אז מ'גייט אין אן אילן, וועלכע זאכן, און שפעטער רעכנט מען אויס עקסטער אילן. איך ווייס נישט. די גמרא רעדט יא וועגן די ענינים פון אילן און זאכן. ס'איז אן אנדערע זאך. אבער דער רמב"ם גייט עקסטער זאגן וועגן די חשש פון אויסרייסן פון אילן. ער זאגט נישט וועגן די משנה אז אלע אילן טאר מען נישט גיין דארט, ווייל ס'איז אלע אילן. איך זע נישט וואס די רמב"ם זאגט דא. ער זאגט דא **"נותן עירובו בראש הקנה שמא יטלוש"**. דאס איז אן אנדערע זאך. אבער ער זאגט נישט די טעם פארוואס מ'דארף ארויפקריכן אויף א בוים כדי צו לייגן דעם עירוב דארטן.

ממילא, די פרט פון די קידוש איז אזוי: אויף דעם דארף מען דאך ארויפקריכן אויף א בוים, איז נישט קיין פרט ווייל ס'איז א שוואכע... שוואכע, שוואכע, זאגט די מגן אברהם. ער זאגט קלאר, א כרמלית מגן אברהם. אויב דער פנים זאגט אז ער איז א רשות היחיד, און ממילא קונה שביתה גייט ער דאך נישט דארט ווייל ס'איז א שוואכע... אה, סאו די איינציגסטע וועג וויאזוי צו עסן איז דאך אראפברענגען.

## Speaker 2:

רייט. ווייל צו ארויפקריכן וואלט מען געזאגט אז ס'איז נישט קיין פרט ווייל ס'איז א שוואכע.

## Speaker 1:

מ'דארף אכטונג געבן, ארויפקריכן איז א שוואכע, אבער די פרט איז אז ס'איז א רשות הרבים. ס'איז א צומת רשות.

**די מציאות: ווען דער עירוב ליגט אויף א נישט-פראקטישן פלאץ**

סאו דער מציאות איז אזוי: ער טראכט פון עני פאל וואו ער קען נישט שובת זיין אויף די רשות היחיד ווייל ס'איז נישט פראקטיש. ער האט עס געלייגט אויף עפעס א שיפע דאך, ער האט עס נישט געלייגט אויף א פלאץ וואו דער מענטש קען שובת זיין. ער קען נאר שובת זיין לעבן דעם, דער נאנטסטער פלאץ לעבן דעם אין רשות הרבים, אין רשות הרבים אדער אין רשות היחיד. ער האט עס געלייגט אדער אין רשות הרבים אדער אין רשות היחיד, ער האט געלייגט די עירוב אויף א פלאץ וואו מ'קען נישט שובת זיין. א פלאץ וואו מ'קען נישט, ס'איז נישט דא דארט א פלאץ פאר א מענטש צו זיצן, אדער אז ס'ליגט אויף א שפיץ פון עפעס א...

מ'דארף אנקוקן דארטן וואו ער לייגט די עירוב, דארטן איז די שביתה. אבער אין פאל ווען ער האט געלייגט דעם עירוב אויף א פלאץ וואו מ'קען נישט שובת זיין, קוקט מען גלייך לעבן דעם אז דארטן איז דער שביתה.

## Speaker 2:

יא, נאר איך זאג דיר, דא איז דא א פראבלעם אז ער קען נישט... נאכאמאל, ווען ער האט געלייגט זיין עירוב אויף א לייט-פאול אינמיטן רשות הרבים, איז נישט קיין פראבלעם, ווייל ער איז אין רשות הרבים און די עירוב איז אין רשות הרבים, איז אפילו אויב ס'ליגט הויך קען ער עס אראפנעמען, ווייל ס'איז אין זיין ד' אמות.

אבער אויב ער האט עס געלייגט אויף א פלאץ וואו ער קען נישט שובת זיין, און די נאנטסטע פלאץ לעבן דעם וואו מ'זאל האבן געטראכט ער קען שובת זיין איז אויף א לייט-פאול, וואס די לייט-פאול איז אין רשות הרבים און ער אונטער דעם איז אין רשות היחיד, אדער פארקערט, וואס דאס האבן מיר געזען, איינע פון די הלכות רשות היחיד און רשות הרבים וואס מ'האט געלערנט אין הלכות שבת. זאגט מען אז ארויפגיין דארטן אויבן קען ער נישט, ווייל ס'איז נישט קיין מקום שביתה. נאר וואס איז די ענין? מ'רעכנט אז ער זיצט אונטן און ער קען עסן די עירוב אונטן, ער קען עסן די סעודה גלייך לעבן דעם. אבער אין די פאל ווען ער קען נישט, ווייל דאס וועט אים

## Speaker 2:

ארויסברענגען פון רשות היחיד צו רשות הרבים, ווייל ס'איז אויף א לייט-פאול.

לאמיר ארויסגיין, דו האסט דא א לייט-פאול?

## Speaker 1:

טריי. ס'איז נישט קיין פראקטישע זאך, די גאנצע שביתה איז שביתה. ס'איז נישט קיין פלאץ וואו מ'קען שובת זיין, מ'קען נישט זאגן אז אויף דעם איז דער שביתה. איך מיין אז דאס איז וואס דער רמב"ם מיינט.

## Speaker 2:

ניין, מ'דארף נישט, ווייל אויב ס'איז אין רשות היחיד און די נישט-פראקטישע איז אין רשות הרבים, גייט מיך עס אן, ווייל מ'קוקט עס אן ווי די שביתה איז די נאנטסטע צו דעם. די עירוב זאגט אז מ'איז קונה שביתה נישט אויף די אינטש, נאר אויף די פלאץ גלייך לעבן דעם, און ער קען עס אראפנעמען און עסן זיין סעודה. ער קען אראפנעמען די עירוב פון וואו ס'ליגט און עסן זיין סעודה. אבער ווען ער קען נישט, דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט.

**חידוש: צוויי נייע הלכות אין דעם יסוד**

מ'דארף קודם צולייגן א גאנצע נייע הלכה, אז א שביתה איז לאו דוקא ווי די עירוב, נאר במקום פראקטיש. א נייע הלכה, הלכה חדשה. ס'זאל זיין א פלאץ וואו מ'קען שובת זיין. שביתה מיינט א פלאץ וואו מ'קען שובת זיין. דו לייגסט צו צוויי הלכות. קודם כל, א שביתה דארף זיין אז מ'קען פראקטיש שובת זיין. א פשטות. איז אויב נישט, זאגט מען אז די שביתה זאל זיין נענטער צו די פלאץ וואו מ'קען שובת זיין. צוויי הלכות מפורשות וואס שטייט נישט ביז יעצט, אז מ'מאכט א עירוב, איז קונה שביתה במקום עירובו, און מ'זאל זיין ערגעץ אנדערש.

איך מיין אז ס'איז זייער בייסיק אז... די גמרא זאגט נישט עקזעקטלי דאס. די גמרא זאגט, די גמרא רעדט אפשר וועגן א בוים וואס ער קען נישט ארויפקריכן, סאו ער איז נישט קונה שביתה ווייל ער קען נישט. די גאנצע זאך איז אז מ'דארף צולייגן די ערשטע דריי טפחים, ווייל ס'איז א שביתה נאר, און ממילא, מ'דארף נישט מורא האבן אז ער וועט ארויפקריכן אויפ'ן בוים און עס עסן דארט פאר סאם ריזען. ער מוז עס אראפברענגען, און ממילא הייסט עס אז ער איז נישט עובר על בל תוסיף במקום אחר. די גמרא האט אבער געסקיפט די בוים פאר סאם ריזען.

## Speaker 2:

ניין, מ'האט נישט געסקיפט די בוים, אבער דא אין די בוים אליין האסטו א קשיא וואס איך מיין אז ס'איז נישט קיין קשיא, ווייל מ'קען נישט קונה שביתה זיין אויף א בוים. ווייל קיינער זיצט נישט אויף א בוים און עסט א סעודה, אויסער מאנקיס. ביי מענטשן, קונה שביתה מיינט עפעס אן עכטע זאך, ס'איז נישט עפעס א דין אזא... ס'שטייט אין די הלכה. ס'שטייט אין די הלכה.

ס'איז דא אן אנדערע פראבלעם, די עירוב במקום אחר. ס'איז דא א פראבלעם אזוי, אויב ס'איז נישט... אויב ס'איז א גאר א נישט נארמאלע פלאץ, ער לייגט זיין עירוב אין א גאר א מאדנע פלאץ, אויב ס'איז נישט קיין שום הלכה, איז נישט דא קיין איסור. ס'איז נישט דא קיין פראבלעם.

## Speaker 1:

ניין, ס'איז נישט דא קיין פראבלעם, ווייל ער איז קונה שביתה גלייך לעבן דעם. ער איז קונה שביתה נישט דארטן, קונה שביתה איז נישט די אינטש ווי די ברויט ליגט, ס'איז די פלאץ. ווייל ער קען עס אראפברענגען און עסן. און צווייטנס, אז דו ווערסט אויטאמאטיש קונה שביתה ערגעץ אנדערש אויב ער... נישט ערגעץ אנדערש, דו ווערסט קונה שביתה דארטן, ביי די עריע, ביי די פלאץ, נישט אויף די פאל. אבער ווען מ'קען נישט...

די גמרא זאגט טאקע, מ'איז מתכוון. די הלכה איז אז דו דארפסט מתכוון זיין. איז די שאלה איז, אויב ער וואלט מתכוון געווען לשבות די ראשונה, וואלט נישט געווען קיין פראבלעם. די פראבלעם איז נאר אז ער איז מתכוון לשבות... אדער די פראבלעם איז נאר ווי זיין כוונה איז. עפעס האט ער א כוונה דא. ס'שטייט נישט אז ס'געשעט אויטאמאטיש ווי דו זאגסט. סאו, עפעס בין איך מיסינג א בעיסיק זאך.

פאר סאם ריזען די מענטשן דא וואס זיינען, העלפן מיר נישט. אפשר זיי האלטן אזוי ווי דיך, אז איך בין דער וואס איז א משוגענער?

## Speaker 2:

ניין, חס ושלום נישט משוגענער. איך האב עס געלערנט אז ס'איז בערך אזוי געשטימט. איך זע נישט אז ס'איז אזוי ווייט. ווייל שביתה איז פשוט, דארטן איז די פלאץ וואו ער וואלט ווען געקענט עסן די סעודה. און די במקום עליו וואלט ער נישט דארטן געקענט עסן די סעודה, ווייל ס'וואלט זיך געדארפט טון דורך הוצאה. שוין, יא?

גייען מיר ווייטער, י"א. אוקעי.

---

**הלכה י"א – עירוב אין א כרמלית**

**דער רמב"ם'ס לשון**

## Speaker 1:

אמר, **אם נתערב נשבות ברשות היחיד או ברשות הרבים**, אבער ווען ער האט גע'ערוב'ט אין א כרמלית, וואס איז נישט געווען רשות היחיד, וואס ס'טייטש זיין שביתה איז אין רשות היחיד און די עירוב איז פארקערט אין רשות הרבים, נאר אין א כרמלית. אזוי שטייט אין די משנה, **"אם נתערב נשבות בכרמלית, זכה לו עירובו ברשות היחיד וברשות הרבים"**.

**דער טעם: בין השמשות איז מותר לטלטל פון כרמלית**

און דעמאלטס זאגט מען אויך אז למעשה וואלט ער נישט געקענט אפשר עסן פון די עירוב, ווייל א כרמלית איז א איסור דרבנן. אבער למעשה, איז א רייזע, א עירוב קען מען יא. פארוואס? זאגט דער רמב"ם אזוי, שוין, **בשעת קניית העירוב שהוא בין השמשות**, ווען איז די עירוב קונה? ווען איז די חלות פון די עירוב, אז מ'זאגט אז מ'קוקט דעמאלטס אן ווי דארטן איז יעצט זיין קנין שביתה? בין השמשות געשעט עס.

און דעמאלטס איז דאך די הלכה אז מ'מעג מוציא זיין און מכניס זיין פון א כרמלית צו א רשות היחיד אדער רשות הרבים פאר א דבר מצוה. און ס'האבן מיר דאך דא געלערנט, און אזוי ווי מיר ווייסן שוין די כלל, אזויווי דער רמב"ם זאגט די כלל, **שכל דבר שהוא מדברי סופרים, יעדע זאך וואס איז א איסור דרבנן, לא גזרו עליו בין השמשות במקום מצוה או בשעת הדחק**. האט מען נישט גוזר געווען בין השמשות במקום מצוה און שעת הדחק. ממילא, פון די כרמלית אדער צו די כרמלית וואלט ער דאך יא געקענט טראגן כדי צו קענען קונה שביתה זיין. ממילא קוקן מיר עס אן ווי דארטן קען זיין א גוטע פלאץ וואו ער איז קונה שביתה געווען.

איך טראכט אז... אה, איך האב געטראכט, אבער ער האט געזאגט אז די עבד ארבעט עס אפילו ווען ס'איז נישט קיין מצוה אדער דחק. דארפסט טראכטן וועגן דחק. ער האט געזאגט אז די עבד ארבעט עס אפילו אן קיין דחק. סתם, סתם, ס'האט אים אנגעפאקט אזוי. אזוי ווייט. נו, ווייטער.

**דער זעלבער יסוד: איסור דאורייתא פסול'ט דעם עירוב**

זאגט דער רמב"ם, פאר די זעלבע סיבה, מיט... based on די הלכה וואס ער האט געזאגט, אז א פלאץ וואו מ'וואלט נישט געקענט זיין צוזאמען מיט די וועגן א איסור דאורייתא איז די עירוב נישט קיין גוטע עירוב, ווייל עס הייסט ווי ער האט נישט געקענט האלטן קיין שביתה געווען, און אויב עס איז נאר א איסור דרבנן הייסט עס ווי ער האט יא געהאלטן און געקענט קיין שביתה זיין.

**הלכה י"א (המשך): נתן במגדל**

פאר די זעלבע סיבה איז אזוי, **נתן במגדל**, ער האט עס אריינגעלייגט אין א שאנק ווען א

**הלכה: נתנו במגדל ונעל ואבד המפתח**

אזוי ווייט, נו.

ווייטער זאגט דער רמב"ם, פאר די זעלבע סיבה, בעיסד אויף די הלכה וואס ער האט געזאגט, אז א פלאץ וואו מ'וואלט נישט געקענט זיין צוזאמען מיט די עירוב וועגן אן איסור דאורייתא, איז די עירוב נישט קיין גוטע עירוב, ווייל ס'הייסט ווי ער האט נישט געקענט האבן קיין שביתה געווען, און אויב איז עס נאר אן איסור דרבנן, הייסט עס ווי ער האט יא געקענט האבן קיין שביתה זיין.

פאר די זעלבע סיבה איז אזוי, **נתנו במגדל ונעל, ואבד המפתח** – ער האט עס אריינגעלייגט אין א שאנק, און ס'האט זיך פארשפארט, ואבד המפתח, ס'האט זיך פארלוירן די מפתח, די שליסל. אזוויי מיר האבן געהאט די ענליכע הלכה אין עירובי חצירות. **אם יכול להוציאו בלא עשיית מלאכה, הרי זה עירוב.** פארוואס? ווייל בין השמשות וואלט מען עס אויך געמעגט טון, **שאין אסור לעשות בין השמשות במקום מצוה אלא מלאכה** – נאר א מלאכה.

דאס הייסט, אויב ער דארף מאכן ממש סתירה, אויפשניידן מיט א זעג, איך ווייס, וואס וואלט געהייסן ממש סתירה, וואלט נישט געקענט קונה שביתה זיין. אבער אויב איז עס נאר וואס ער וואלט געדארפט צוברעכן למשל, וואלט ער נאר געדארפט טון אן איסור דרבנן.

**חידוש: גזירה שמא יתלוש ביי קנה – קרוב לאיסור דאורייתא**

נאך אן ענליכע הלכה. **נתנו בראש הקנה או בראש הקונדס הצומחים מן הארץ** – אויב האט מען געלייגט אויף א שפיץ פון א קנה אדער קונדס, ס'זעט אויס פון די זעלבע פעמילי ווי קנה, מ'וועט שוין זען די ראב"ד רעדט וועגן דעם, וואס וואקסן פון די ערד, **אינו עירוב, גזירה שמא יתלוש** – ווייל מ'האט מורא ער גייט אפרייסן.

דא ווערט גלייך שווער א גרויסע קשיא, פארוואס גזירה שמא יתלוש? פארוואס זאל מען נישט זאגן אז ס'איז נאר א דרבנן? און די מפרשים פון די רמב"ם מוטשען זיך מיט דעם. איך מיין די גמרא, ס'איז א גמרא, אבער די ווארט איז אזוי, די איסור ארויפצוגיין אויף א בוים וועגן מ'האט מורא אז מ'גייט אויסרייסן איז א דרבנן.

אבער די רמב"ם רעדט פון עפעס מער ספעציפיש, א קנה אדער א קונדס, אזוי פארשטיי איך מיינעך פון די מפרשים, איז דאס אסאך א גרעסערע גזירה שמא יתלוש, ווייל אסאך מאל זעט מען נישט אויב די קנה איז נאך מחובר אדער ס'ליגט סתם און ס'איז שוין געשניטן און ס'ליגט סתם אזוי. וואס מ'קען ארייננשטעקן אין די קרקע נאכדעם וואס ס'איז שוין אפגעשניטן.

און דעמאלטס האבן מיר אונז מורא אז דער מענטש גייט נישט וויסן בכלל אז ער טוט אן איסור, ער גייט מיינען אז ס'איז שוין אפגעריסן, און ער גייט עס אראפנעמען, געבן א רוק די קנה כדי צו אראפנעמען די עירוב. דעמאלטס, ווען די גזירה שמא יתלוש איז זייער א נאנטע גזירה, ס'איז זייער נאנט אז ער זאל עובר זיין אויף אן איסור דאורייתא, דעמאלטס הייסט עס נישט קיין עירוב אפילו ביי... וואס? דעמאלטס וואלט מען נישט מתיר געווען.

אזא מין זאך, מ'מאכט דא א שטיקל הוקם דא, אז דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז אן איסור דרבנן איז נישט אסור בין השמשות, איז א געוועונליכע דרבנן, אבער א זאך וואס איז קרוב לאיסור דאורייתא, א זאך וואס מ'קען זיך זייער גרינג טועה זיין און עובר זיין אן איסור דאורייתא, איז מען יא אוסר אפילו ערב שבת בין השמשות.

וועגן דעם זאגט דער רמב"ם, אז פארדעם איז עס טאקע, אויב מ'האט תלישה ונעיצה, אויב איז די קנה שוין אפגעריסן און ס'איז נאר אריינגעשטעקט אין די קרקע, און מ'ווייסט קלאר אז דער איז א מומחה'דיגער און ער גייט נישט האבן קיין מיסטעיקס, איז עס יא אן עירוב, **הרי זה עירוב.** ס'קען זיין אז דארט איז אויך אפשר עפעס א שטיקל דרבנן אז מ'טאר נישט, אפשר איז עס מוקצה אדער איך ווייס נישט וואס, אבער די רבנן איז אן אונז נישט קיין פראבלעם. מיר ווילן נאר זאגן אז דעמאלטס ווען די שמא יתלוש איז א גרויסע איסור און א שטארקע חשש, דעמאלטס איז עס יא אסור אפילו בין השמשות.

סתם, מ'דארף יעצט טראכטן אויף אנדערע איסורים בין השמשות צו איינמאל מיר ווייסן די הלכה פון די רמב"ם, סתם, ווייל די רמב"ם האט עס נישט געזאגט קלאר אויף הלכות בין השמשות.

**הלכה: מקום העירוב – ארבע אמות**

אקעי, יעצט קען מען לערנען וואס געשעט אויב ס'איז ארויסגעקראכן די עירוב פון די תחום, און ס'איז אפילו נישט ארויס פון די תחום, ס'איז אפילו בתוך ד' אמות הייסט עס נאך גוט, וויבאלד אז עפעס האט אפסייד די ד' אמות וואו מ'לייגט די עירוב, יא?

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **כל המניח עירובו במקום, יש לו מקום עירובו ארבע אמות.** ווען א מענטש לייגט די עירוב אויף א פלאץ, קוקט מען אן ווי די ארבע אמות איז די פלאץ פון די עירוב, מ'קוקט נישט נאר די אינטש וואו ס'ליגט, די גאנצע ד' אמות איז די מקום העירוב.

לגבי וואס זאגט ער אזוי? **לפיכך, המניח עירובו תחומין שלא בסוף התחום** – ער האט געלייגט די עירוב תחומין ביי די ענד פון די אלפים אמה וואס ער האט, **ונתגלגל העירוב ויצא חוץ לתחום בתוך שתי אמות** – די עירוב האט זיך ארויסגעראלט און ס'איז ארויסגעגאנגען צוויי אמות, צוויי טויזנט און צוויי אמות ליגט עס יעצט.

וואלט א מענטש געקענט טראכטן אז די עירוב איז בטל, אזוויי מיר האבן פריער געלערנט אז ווען איינער לייגט די עירוב אין א פלאץ וואו ער קען נישט צוקומען, ווייל ס'איז אינדרויסן פון זיין תחום שבת, איז עס נישט קיין עירוב. אבער דא איז עס יא א עירוב. פארוואס? ווייל א יוצא האט ער ארבע אמות.

די ארבע אמות וואס די רמב"ם רעדט דא איז צוויי אמות לכל צד, ער האט נישט פיר אמות אין איין זייט, צוויי אמות each side פון אים. אזוי האט ער ארום מקומו של אדם. ממילא, אין די צוויי אמות הייסט די עירוב, מ'קוקט אונז אן ווי די עירוב ליגט דארטן אין די צוויי אמות, מ'קוקט נישט אויף די אינטש. ממילא, ווי ס'ענדיגט זיך די צוויי אמות, דארטן ליגט די עירוב, וקנו לו יוצא ממקומו.

אבער אויב ס'איז ארויסגעגאנגען מער ווי צוויי אמות, מיוצא חוץ לשתי אמות, איז עס שוין נישט קיין עירוב, **שהרי יצא חוץ לתחום.** און אזוויי מיר האבן פריער געלערנט, **המניח עירובו חוץ לתחום אינו עירוב, מפני שאינו יכול להגיע אל העירוב** – ער קען נישט גיין דארטן קונה שביתה גיין ווייל ער קען נישט אנקומען צו די עירוב.

בקיצור, צוויי אמות האט מען קרעדיט, דאס איז די ווארט.

**דיון: פארוואס צוויי אמות דא און ארבע אמות אין מקומו של אדם?**

**Speaker 1:** ס'איז אינטערעסאנט פארוואס דא זאגט די רמב"ם צוויי אמות, און אין מקומו של אדם ארבע אמות האט אויסגעקוקט ווי ער האט ארבע אמות לכל צד.

**Speaker 2:** ניין, ניין, אבער פארוואס די רמב"ם אין הלכות שבת פסק'נט?

**Speaker 1:** ניין, לכאורה דארטן איז מקומו של אדם, דא איז די עירובו של אדם.

**Speaker 2:** ניין, איך ווייס אז א כלל... מיר האבן געלערנט אויך דארטן אז ס'איז דא פארשידענע וועגן וויאזוי צו רעכענען די ד' אמות פון א מענטש.

**Speaker 1:** גוט, גוט.

**הלכה: ספק עירוב – נתגלגל/אבד/נשרף העירוב**

**נתגלגל העירוב ויצא שתי אמות חוץ לתחום.** אוי, גייט ער זאגן אז די רמב"ם לערנט נאך די גמרא?

**Speaker 2:** ניין, ניין, יעצט קומט א נייע חידוש.

**Speaker 1:** וויבאלד נאך א פרט... מיר האבן געלערנט אז ס'איז דא אן אופן וואס ווערט אויס עירוב, לאמיר זאגן ס'איז געגאנגען מער ווי צוויי

אמות אדער אנדערע אופנים. אבער מיר האבן געלערנט אז די עירוב דארף נאך זיין כשר בין השמשות. מיר האבן געלערנט אז ס'איז דא אן אופן וואס ס'ווענדט זיך ווען ס'איז ארויסגעפאלן. ס'איז דא מער תנאים אין די ענין פון נתגלגל העירוב.

**Speaker 2:** יא, נתגלגל העירוב ויצא שתי אמות חוץ לתחום. וואס?

**Speaker 1:** ניין, ניין, די חידוש איז דא...

**Speaker 2:** יא, יא, יא, ער גייט שוין אריינגיין אין די משיך השייך און די ספק.

**Speaker 1:** יא, יא, ער גייט שוין אריינגיין אין די בין השמשות איז אן די אכילה. איך מיין אז ס'קומט ארויס מיט אן אכילה אויך אן אכילה.

אונז האבן געלערנט אז דער עירוב דארף זיין אז ווען ס'קומט שבת דארף עס זיין פראקטיש אז ער וואלט ווען געקענט דארטן עסן די סעודה, און מיט דעם האט ער דארטן קונה געווען שביתה. אבער אויב ס'איז נישט געווען אזוי דער פאל, ווייל ס'איז געווען איינע פון די זאכן: אדער איז גלגל די יאר צו שטיין ימות החול לתחום, און ס'הייסט ווי דער עירוב איז נישט געווען אין די פלאץ וואו ער וואלט געקענט צוקומען צו, **או אבד עירובו** – דער עירוב איז נעלם געווארן, איז פארלוירן געווארן, **או נשרף** – ס'איז געווארן פארברענט, **או שהיה תרומה ונטמאת** – ער האט גענוצט תרומה פאר זיין עירוב און ס'איז געווארן טמא.

איז אזוי, **מבעוד יום, אינו עירוב**, און דער רמב"ם גייט שוין מסביר זיין פארוואס, ווייל דער עירוב געשעט ווען ס'קומט שבת, און דא ווען ס'איז געקומען שבת איז שוין דער עירוב נישט געווען, אדער נישט געווען אין פלאץ, אדער נישט געווען כשר, אדער נישט געווען... יא.

אויב אבער איז געשען **משחשיכה**, וואס איז שוין געשען ווען ס'איז שוין געווען שבת, **הרי זה עירוב, שהרי קנה לו עירובו בין השמשות**, און ממילא ווען ס'איז געווען בין השמשות איז געווען אן עירוב.

אבער וואס איז די הלכה אויב ס'איז דא א ספק? אונז ווייסן נישט ווען ס'איז נשרף געווארן. **ספק אם בין השמשות** – צו ס'איז געווען בין השמשות, צו ס'איז געשען פארדעם אדער נאכדעם, איז אזוי, איז די הלכה **הרי זה עירוב.** ספק בין השמשות, אדער אונז ווייסן נישט ווען ס'איז געווארן נשרף.

איך מיין דא ענין ספק, ענין ספק מיינט אז דער מענטש איז געקומען שבת און ער זעט ס'איז פארברענט, ער ווייסט נישט ווען ס'איז געווארן פארברענט. אדער ער ווייסט אז ס'איז געווארן פארברענט א געוויסע זייגער, ער ווייסט נישט אויב יענץ איז געווען בין השמשות. איז **הרי זה עירוב.** פארוואס? ס'איז דא א הלכה אז ספק עירוב איז כשר. א ספק עירוב איז אויך כשר. א עירוב וואס איז ספק אויב ס'איז כשר, איז א ספיקא דרבנן און ס'איז כשר.

**לפיכך, אם נשרף או אבד בין השמשות, הרי זה עירוב.** אה, דא זאגט ער קלאר אז ספק מיינט ספק יום משחשיכה. אבער פון די ווארט "ספק עירוב" מיינט מסתמא אויך דער פאל וואס איך האב געזאגט, ווען מ'ווייסט נישט ווען ס'איז געשען.

**הלכה: שליח – צוויי מענטשן מיט פארשידענע ספיקות**

זאגט דער רמב"ם אזוי, יעצט גייט ער רעדן וועגן... הלכות ספק, אבער דא גייט ער אונז זאגן נאך א זאך, אז מ'קען שיקן א שליח. ביז יעצט האט ער אונז גערעדט ווען א מענטש גייט אליין מאכט אן עירוב, אבער יעצט זאגט ער, מ'קען אויך שיקן איינעם א שליח.

**אמרו לשנים** – צוויי מענטשן האבן געזאגט פאר א מענטש, "צא וערב עלינו" – גיי מאך אן עירוב פאר מיינעטוועגן. איז **אחד ערב עליו מבעוד יום, ואחד ערב עליו בין השמשות.** ס'איז אן אינטערעסאנטע פאל, אויף איינעם האט ער זיך געאיילט אהין, און ער איז אנגעקומען דארטן ממש אין די לעצטע מינוט, איינעם האט ער נאך אריינגעכאפט און ער האט געמאכט די עירוב פאר יענעם מבעוד יום, און דער נעקסטער איז שוין געווען בין השמשות.

מיר האבן דאך געלערנט אזביידע וואלטן געדארפט זיין כשר, יא, ווייל ספק איז כשר. אבער יעצט איז געשען אזא מעשה: **זה שערב עליו מבעוד יום, נתאכל עירובו בין השמשות.** ס'איז געקומען דארטן א ווילדע חיה, א לאנדעס'ע בריסקע חיה אזא, ווייל ער האט געוואוסט אז ער דארף מאכן אן אינטערעסאנטע הלכה'דיגע דילעמע. דער וואס מ'האט געלייגט מבעוד יום, האט ער אויפגעגעסן בין השמשות. איז די פשט אז ס'איז דא א ספק אז ס'איז געווען אן עירוב ווען ס'איז געקומען שבת, ווייל ער האט דאך געלייגט בין השמשות.

און דער אויף וועמען האט מען מעריב געווען בין השמשות, איז **נתאכל עירובו משחשיכה.** איז אויך איז דא א ספק, ווייל אויב ס'איז נאך געווען בייטאג ווען ער האט געלייגט די עירוב און אויפגעגעסן איז עס געווארן ערשט ביינאכט, איז עס ווייטער גוט.

איז די ה��כה טאקע אזוי, אז ביידע איז א ספק, צוויי מיני ספיקות. **שניהם קנו עירוב, שבין השמשות ספק הוא, וספק עירוב כשר.** ס'איז נישט קיין חילוק בכל אופן שהוא, צי דער ספק איז געווען אויף די וועג צי אויף די וועג, און ס'איז אויך נישט קיין תרתי דסתרי, אמת? דאס איז דער חידוש, זאלסט מיינען אויב ס'איז געווען נאכט דארף דער צווייטער נישט... אז יעדער איינער פון זיי איז א ספק עירוב, און ממילא איז כשר.

**הלכה: לכתחילה זאל מען נישט מאכן עירוב בין השמשות**

זייער גוט, ספק עירוב כשר. זאגט דער רמב"ם, **ואף על פי כן**, אז בדיעבד איז אן עירוב כשר בין השמשות, אבער לכתחילה, זאגט דער רמב"ם, ווען ס'איז א **ספק חשכה ספק לא חשכה**, ווען ס'איז די בין השמשות צייט, זאל מען נישט מאכן אן עירוב תחומין לכתחילה. אבער ווען מ'איז מערב עירוב, די אלע זאכן וואס מ'האט גערעדט איז בדיעבד, איז עס אן עירוב. אבער ס'איז נישט קיין לכתחילה.

**הלכה: נפל על העירוב גל**

נאך ענליכע שאלות פון אזעלכע סארט ספיקות. זאגט דער רמב"ם, **נפל על העירוב גל ביום ערב שבת** וואס איז נאך געווען טאג, איז ארויפגעפאלן א הויפן שטיינער אויף די עירוב.

**עירוב שנפל עליו גל (המשך)**

דאס הייסט, אויב למשל סתם רוקן די שטיינער איז נישט קיין מלאכה, אבער אויב הייסט עס סותר, אדער אונז האבן געהאט א קלארקייט ווען מפקיע איז א גל הייסט בונה חורש, אבער וויאזוי ס'איז, אויב קען מען עס נישט טון אן א מלאכה — דאס הייסט אויב ס'איז נאר א דרבנן, עירוב שנשחט בין השמשות, אויב ס'איז נאר א דרבנן איז עס כשר, ווייל בין השמשות מעג מען דאך טון איסור דרבנן פאר א וויכטיגע צורך, וואלט מען דאך געמעגט ארויסנעמען די עירוב. אבער אויב דארף מען טון א מלאכה ממש, דעמאלטס טוט מען נישט.

זאגט ער, **ואם נפל עליו גל משחשיכה**, וואס איז געשען די זעלבע מעשה אבער ווען ס'איז שוין געווען שבת, **הרי זה עירוב, ואף על פי שאי אפשר להוציאו אלא בעשיית מלאכה**, ווייל ווען ס'איז געווען בין השמשות איז עס געווען א כשר'ע עירוב.

**ספק מבעוד יום נפל או משחשיכה**, איז אויך **הרי זה כשר** פאר די זעלבע סיבה וואס מיר האבן געלערנט אז ספק בעירוב איז כשר, ווייל דא איז דאך א ספק, לויט די צד אז ס'איז נאך געווען טאג.

**דיסקוסיע: צי מען קען מאכן א כלל פון ספק עירוב**

**Speaker 1:** קען מען מאכן דא א כלל, ספק עירוב, אדער עירוב בין השמשות?

**Speaker 2:** יא. ס'איז מער אזוי א כלל, ווייל ס'איז איין ספק. אבער די בין השמשות ברענגט די אינטערעסאנטע פעלער וואס ער רעדט פון יום.

יעצט האבן מיר געזען אזא סארט ספק וואס העלפט און וואס איז נישט.

**עירוב בתרומה שהיא ספק טמאה**

זאגט דער רמב"ם, דאס איז אינטערעסאנט, דאס איז א למדנ'ישע שטיקל. **אבל המערב**, אויב א מענטש האט געלערנט ביז יעצט, וואלט ער געזאגט אז יעדער ספק צו די עירוב איז כשר, דארף זיין כשר. זאגט דער רמב"ם נישט אזוי.

**אבל המערב בתרומה שהיא ספק טמאה**, אויב האט מען מערב געווען בתרומה וואס איז ספק טומאה, און ער טראכט, ס'וועט זיין א ספק עירוב, און ספק עירוב איז כשר? זאגט ער אז ס'איז **אין עירוב**, ווייל למעשה טאר דאך נישט א איד עסן א תרומה וואס איז ספק תרומה. ס'איז טאקע נאר א דרבנן, לאמיר זאגן אז ס'איז נאר א דרבנן, צוויי גדרים ווייל ס'איז א דרבנן, אבער ער טאר נישט למעשה. למעשה איז עס א **סעודה שאינה ראויה, שאינה סעודה הראויה**.

**דיסקוסיע: צי מען קען אנקומען צו די עירוב**

**Speaker 1:** וכן, ער קען עס למעשה נישט עסן, דארף ער זיך...

**Speaker 2:** רייט, ווען די שאלה איז צו ווייל ווען מ'קען אנקומען דארטן אין די סארט זאכן, איז...

**Speaker 1:** יא, אבער ווען למעשה טאר ער עס נישט עסן, איז דאך עס אזוי ווי ס'איז **אין ראוי לאכילה**, ס'איז נישט קיין עירוב וואס ער קען עסן.

**שתי ככרות של תרומה — אחת טהורה ואחת טמאה**

**וכן, המעורב**, זאגט ער, מן המופנם, אפילו ווען ס'איז אזא מין ספק. **הרי לפניו שתי ככרות של תרומה, אחת טהורה ואחת טמאה, ואינו יודע איזו מהן**, ער ווייסט נישט וועלכע פון זיי צוויי איז די כשרה טהורה, טאר ער דאך יעצט ביידע נישט עסן. אבער ער האט א פאטענץ דאך.

זאגט ער אזוי, ער טאר ביידע נישט עסן, אבער זאגט ער, טראכט ער אזוי, איך דארף דאך זיין נישט עסן, ס'דארף זיין ראוי לאכילה, און איינע פון זיי איז דאך ראוי לאכילה. **אמר**, זאגט ער אזוי, **הריני בטהורה בכל מקום שהיא**, וועלכע די טהורה איז, זאל די עירוב זיין מיט יענץ. איז ווייטער **אין עירוב שאין כאן סעודה הראויה לאכילה**, ווייל איהו למעשה טאר ער פון ביידע נישט עסן, ווייל ביידע איז א ספק תרומה טמאה, האט ער מעורב געווען מיט א סעודה שאינה ראויה.

**ככר שהקדישו למחר — היום חול ולמחר קודש**

זאגט די גמרא אזוי, אמר, ער האט געזאגט אזוי, ער האט מקדיש געווען א כיכר, אבער ער האט געזאגט אזוי, **כיכר זה היום חול**, היינט זאל די כיכר נאך בלייבן חול, **ולמחר אני מקדישו**, למחר זאל עס זיין קודש. און ער איז א ישראל און ס'איז נישט אין מקום קודש, ער קען עס נישט עסן. **וערב בו**, ער האט געמאכט דערמיט א עירוב, **הרי זה עירוב**. פארוואס? **שבין השמשות עדיין לא נתקדש ודאי**, בין השמשות איז דאך די כיכר נאך נישט געווארן נתקדש, ס'האט דאך געדארפט ווערן קודש ווען ס'איז שוין זיכער למחר.

מילא, ערב בו ביום, ס'איז דאך די אנפאנג בין השמשות. בין השמשות איז נאך געווען א ספק. איז א ספק, פארוואס זאל מען נישט זאגן דעמאלט אז ער טאר עס נישט עסן ווייל ס'איז א ספק, אזויווי די פריערדיגע תרומה טמאה, ספק תרומה טמאה.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן ספק קודש און ספק תרומה טמאה**

**Speaker 1:** דו זאגסט מיר גוט? פארשטייסט וואס איך מיין צו זאגן? ס'איז דאך א ספק קודש, ער טאר עס נישט עסן.

**Speaker 2:** רייט, ס'איז קלאר אז די קודש ווערט נאר ווען ס'איז א ודאי. איך ווייס נישט, וואס טייטש "עדיין לא נתקדש ודאי"? דא ליגט עפעס אהער.

**Speaker 1:** אבער איך פרעג א קשיא, אויב מיר דארפן זיין ראוי לאכילה פראקטיש, לכאורה טאר מען זיך נישט עסן יענע קודש בין השמשות.

ער מסביר אזוי, ער זאגט אז וויאזוי די גמרא זאגט עס איז, אז די היתר פון היום קדם לאיסור של מחר, און די ספק בין השמשות האט נישט גענוג שטארק ארויסצונעמען א זאך פון א חזקת היתר. דאס הייסט, ווען ס'הייבט זיך אן, ווען ס'ווערט די ערשטע ספק, איז עס א חזקת היתר נאך, ווייל די קודש געשעט ערשט ווען ס'איז שוין שבת. און דאס איז די חשבון.

איך פרעג א קשיא, פארוואס שרייבט ער נישט אז לכאורה איז דאס די זעלבע ווי די פריערדיגע קעיס, און ער דארף האבן א פסק חילוק. ס'איז זיכער אז למעשה טאר מען עס נישט עסן, נאר אין א פסק למדניש הייסט עס וויניגער ספק איסור ווי די פריערדיגע קעיס.

**היום קודש ולמחר חול — פארקערט**

**אבל** אם אמר **היום קודש ולמחר חול**, היינט זאל עס זיין קודש און נאר שבת זאל עס ווערן חול, איז צו טראכטן אז דאס דארף זיין מותר. אבער דעמאלט איז **אין מערבין באוכלים עד שתחשך**. די ווארט איז, ווען ס'קומט אריין שבת, איז עס נאך בחזקת טהרה, בחזקת כשרות.

אזוי איז די רמב"ם אין פירוש המשניות, "מפריש תרומה, ויש מפרש מפריש מן התרומה, ויש אומרים שלא תהא תרומה עד שתחשך". ס'זאל הערשט חל זיין די תרומה דערויף, יא, ווען ס'ווערט שבת, דעמאלט זאל עס ווערן באקומען קדושת תרומה. איז **אין מערבין באוכלין, הרי טבל כל בין השמשות**. ווי לאנג די תרומה איז נישט חל ווען ס'ווערט שבת, איז עס טבל, **אינו צריך שתי סעודות יום ביום**. ס'דארף זיין אז נאך פאר שבת זאל זיין די סעודה שרויה.

**הנותן עירובו בבית הקברות**

נאך ענליכע שאלות אזוי. **הנותן עירובו בבית הקברות**, איינער לייגט אן עירוב. האבן מיר געזאגט אז בית הקברות איז אסור בהנאה. בית הקברות איז אסור בהנאה. דא, ער וויל זיך הנאה האבן פון די בית הקברות, ער וויל מאכן א קנין אויף זיין ברויט. אבער, "מכיון שרוצה בקיום העירוב שם אחר קנייה", ער וויל אז די עירוב זאל זיין דארטן, ער וויל אז די בית הקברות זאל זיין א גוטע מקום משומר וואס זאל האלטן זיין עירוב, **הרי נהנה בו**. האט ער הנאה. איז די עירוב נישט כשר?

**דיסקוסיע: וואס איז די הנאה פון בית הקברות**

**Speaker 1:** ווייל אויב ער גייט עס עסן, הייסט עס ער האט הנאה פון די עירוב. איך ווייס נישט, מען טאר נישט עסן אין א בית הקברות, ווייל ס'הייסט הנאה פון א בית הקברות. איך האב נישט געוואוסט, זיך אויסוויינען ביי א קבר הייסט אויך א הנאה?

**Speaker 2:** ניין, ווייל ער איז מתפיס כלי, ער איז דאך משתמש אין די בית הקברות.

**Speaker 1:** ווייל ער שטייט אויף די ערד פון די בית הקברות?

**Speaker 2:** ער האט געדארפט אז ס'זאל בלייבן דארט.

**Speaker 1:** אבער ביי נישט משתמש האט ער געדארפט אז ס'זאל בלייבן.

קיצור, ווען ער האט געוואלט אז ס'זאל קונה שביתה זיין, האט ער געדארפט אז די בית הקברות זאל זיין דארט, ס'זאל נישט ווערן איינגעשלינגען אין פה"ר. ס'איז א חילוק. האט ער געדארפט די בית הקברות. הייסט עס אז ער איז נהנה פון די בית הקברות.

**Speaker 1:** ער לייגט דאך אויף א מציבה.

**Speaker 2:** אהא, מאכט סענס.

**Speaker 1:** אקעי, מיר רעדן באופן ווען מ'דארף נהנה זיין פון א קבר. מאכט מער סענס.

קוק די נעקסטע הלכה, לאמיר זען. ס'איז געווען א... לאז אפאר פאר די מתים, אקעי?

**דיגרעסיע: צי עירוב איז א מצוה**

**Speaker 1:** ס'קען זיין אז דו האסט אפשר דא א שטיקל מצוה, איז דא א מנוע לוג לרשע אז ער טוט מצות עירוב. ער זאגט דאך די ברכה על מצות עירוב.

**Speaker 2:** לכאורה נישט, ווייל ס'איז נישט קיין מצוה, ס'איז נאר א היתר.

**Speaker 1:** אקעי.

**נתנו בבית הפרס**

**נתנו בבית הפרס**, ער האט עס געלייגט אין א פלאץ וואס האט א דין בית הפרס. בית הפרס מיינט א פלאץ וואס ס'איז דא א ספק טומאה, אונז ווייסן נישט צו אין די ערד דארטן איז דא אפשר א ביינדל. איז עס **יא א עירוב, אפילו הוא כהן**, דא איז די חידוש. אויב א כהן לייגט די עירוב אין א בית הקברות, איז זיכער אז ס'איז נישט קיין עירוב, ווייל ער טאר דאך נישט אריינגיין אין א בית הקברות. אבער אין א בית הפרס, וואס א כהן טאר אויך נישט אריינגיין אין א בית הפרס, אבער אויף א בית הפרס איז יא דא תירוצים. ווייל אין א בית הפרס איז דא א היתר אריינצוגיין מיט **מגדל הפורח**. ס'איז דאך אייביג דא העליקאפטערס. ער קען דאך אייביג כאפן א העליקאפטער און זיין דארטן ביי די עירוב.

**דיסקוסיע: וואס איז א מגדל הפורח**

**Speaker 1:** א מגדל, אזוויי מ'האט געלערנט פריער, א שאנק, א פליעדיגע שאנק. נו, וואס איז א העליקאפטער אויב נישט א פליעדיגע שאנק? א שאנק וואס ס'איז דא פלאץ פאר מענטשן אריינצוגיין.

**Speaker 2:** איך טו אין א ריאליטי'ס וועג וואס איז געווען דעמאלטס. איך וואלט עס נישט, ניין.

**Speaker 1:** איך מיין, ווען מען זאגט מגלגלין פרעכט, איז נישט ווייל ס'איז געווען ריעליטי, נאר ווייל ס'איז שייך, ווייל ס'איז דא א וועג עס צו טון. אבער איינער וויל בויען אזא און פיר מענטשן זאלן אים אנכאפן מיט שטריק, ס'איז נישט.

**Speaker 2:** אוי, יענע פאר, יא, לאמיר זאגן ס'איז דא א היתר, מ'קען בלאזן, מ'וועט בלאזן אין די זאמד און גיין.

**Speaker 1:** יא, גיין שטארקן, יא.

ווייל יעדע וועג ארין איז הייסט נישט ווי איך ווער מופקע פון אנקומען צו מיין עירוב, ממילא קען ער יא גיין.

**רבים שרצו להשתתף בעירובי תחומין**

וואס טוט זיך ווען מערערע מענטשן מאכן אן עירוב? דאס איז דער רמב"ם: **רבים שרצו להשתתף בעירובי תחומין**, יא, איז **מקבצין כולן עירובן**, מ'נעמט זיי אלע צוזאם זייערע עירוב, **שתי סעודות לכל אחד ואחד**, מ'דארף געבן א שיעור פון שתי סעודות לכל אחד ואחד. ס'איז נישט דא אזוויי ר' יצחק האט פריער דערמאנט, ס'איז נישט דא די היתר פון אז נאך א סערטען אמאונט, ס'איז נישט דא קיין קעפ, מ'קעפט אונז ביי אכצן. אכצן איז געווען די שיעור. יעדער איינער דארף געבן שתי סעודות. יעדער איינער דארף געבן שתי סעודות. **ומניחין אותו בכלי אחד במקום שירצו.** דארפן אלע מסכים זיין.

**דיסקוסיע: פארוואס איין כלי**

**Speaker 1:** פארוואס דארף מען עס לייגן אין איין כלי?

**Speaker 2:** דאס איז נאר צו זאגן אז מ'קען. אפילו מ'לייגט עס אין איין כלי איז גוט.

**Speaker 1:** פארוואס זאל מען עס לייגן אין איין כלי? צוויי מענטשן, יעדער איינער האט זיין עירוב, וואס גייט דיך אן וואס דער צווייטער טוט? וואס איז די פוינט?

**Speaker 2:** אז א כלי הייסט נאר איין מענטש'ס עירוב?

**אחד מערב לכולן — צריך להודיעם**

**ואם עשה אחד עירוב לכולן**, אויב איינער מאכט אן עירוב פאר אלע, דאס הייסט ער איז מזכה, איז דא אזא דין אז מ'דארף מזכה זיין מיט א שליח. **צריך לזכות להם על ידי אחר**, מ'דארף זיין דורך א שליח. אבער אין הלכות עירוב איז נישט געווען, אבער דא איז דא א חידוש: **וצריך להודיעם**. מ'דארף זיי מודיע זיין.

געווענליך איז דא די הלכה אז "זכין לאדם שלא בפניו". דא איז גראדע די הלכה, ווען מ'טוט א מתנה פאר יענעם דארף מען אים מודיע זיין, אבער מ'רעדט נישט דא פון די ענין אין מסכת ביצה. ווען מ'מאכט איינעם עירובי חצירות דארף מען אים נישט מודיע זיין, ווייל מ'טוט אים א טובה, מ'מאכט אז ער קען טראגן אין די חצר. אבער דא דארף מען מודיע זיין. פארוואס?

זאגט ער אזוי: **שאין מערבין לאדם עירובי תחומין אלא לדעתו.** ער מאכט דא א כלל. אבער מען קען נישט מאכן ארבע תחומין פאר א מענטש נאר לדעתא. פארוואס? **שמא אין רוצה לערב באיזה רוח שירצה**, זהו באס. איז די ענין וואס איז דא נעמט אויך א... עס איז נישט אזא קלארע מזכה לאדם. פארוואס? ווייל אויב דער מענטש וויל גיין די אנדערע דירעקשאן, הארגעסטו עס דען יעצט אפ? ווייל אויב מאכסטו א עירוב פאר...

**הלכה ו (המשך) — עירוב תחומין דארף זיין "לדעתו"**

למעשה, מען רעדט נישט דא פון דעם ענין אין מסכת ביצה. ווען מען מאכט איינעם א עירוב חצרות, דארף מען אים נישט מודיע זיין, ווייל מען טוט אים א טובה, מען מאכט אז ער זאל קענען טראגן אין די חצר. אבער דא דארף מען מודיע זיין. פארוואס?

זאגט ער אזוי: **"שאין מערבין לאדם עירוב תחומין אלא לדעתו"**. ער מאכט דא א כלל, אז מען קען נישט מאכן עירוב תחומין פאר א מענטש נאר לדעתו. פארוואס? **"שמא אין רוצה לערוב, ואיזה ריוח יש לו בזה?"** עס איז אן ענין וואס איז דא אין דעם אויך א... ס'איז נישט אזא קלארע מזכה לאדם. פארוואס? ווייל אויב דער מענטש וויל גיין די אנדערע דירעקשאן, הרג'עסטו אים יעצט אפ, ווייל אויב מאכסטו א עירוב פאר אים, גייט ער ווערן סטאק אויף די זייט וואו דו לייגסט אים. טייטש, ס'וועט נישט ארבעטן די עירוב, און דאס איז אזא חוב אזא... ממילא איז נישט קיין זיכערע זכות פאר אים.

אבער **"אם הודיעו מבעוד יום"** — אויב האט ער אים מודיע געווען מבעוד יום אז ער גייט מאכן פאר אים א עירוב, איז **"אף על פי שלא רצה אלא משתחשך"** — אפילו במשך דעם טאג האט דער מענטש נאך געהאט צוויי קצוות, ער וויל יא, ער וויל נישט, "כך היא דרכו של אדם", אבער ווען ס'איז געווארן משתחשך האט ער מחליט געווען, יא, ער וויל טאקע נוצן די עירוב, איז דאס הייסט א עירוב. ווייל למעשה שטעלט זיך ארויס אז ס'איז געווען א זכות פאר אים, למעשה האט ער געוואלט. ס'איז געווען א ברירה, ס'איז געווען דא א ברירה, און ס'איז געווארן א ברירה. אה, דאס איז די ווארט. א ברירה, ס'איז שוין געמאכט, אבער ס'איז געווען תלוי על מנת. על מנת זיין רצון. און למעשה איז געווען זיין רצון, אפילו אם שבת, אבער ס'איז רעכנט זיך ווי ערב שבת איז דאס געווען זיין מקום שביתה.

**"אבל אם לא הודיעו עד שתחשך, אינו יוצא בו, שאין מערבין משתחשך"**. מען קען נישט מאכן א עירוב נאר... די עירוב ארבעט זיך נאר נאכדעם ווען ער ווייסט. ער מאכט דא א חילוק צווישן ידיעה און הסכמה. ער דארף נישט מסכים זיין, אבער ער דארף וויסן. ווייל אויב ער ווייסט, דער מענטש מאכט א לאנגע תנאי. מיר וועלן באלד זען אז מען קען מאכן א חילוק אין תנאי. ער קען, אפילו ער ווייסט נאך נישט, קען ער כביכול זאגן און שפעטער מאכן מיט זיין צוואה. אויב וויל ער, איז אים געווען א עירוב, און אויב נישט, נישט. די בית קלי התנאי, און א מענטש קען מאכן אויף זיך אליין אויך א תנאי. במזרח, מ'וועט זען שפעטער. מ'וועט זען אז ער האט געהאט אן עירוב, ווייל די רבנן ישרי כח, ער האט געזאגט אז ס'איז געווען א זכיה, אבער ער איז נאך נישט מסכים געווען, ער איז נאך נישט מחליט געווען אז ער וויל טאקע גיין דארט.

**הלכה יט — ווער קען מזכה זיין עירוב תחומין**

אוקעי. יעצט, די זכיה, זאגט ער, איז אזוי ווי די זכיה ביי עירובי חצרות. **כל הזוכה בעירובי חצרות**, אלעס וואס מיר האבן געלערנט אין הלכות עירובי חצרות ווער ס'קען אלץ מזכה זיין פאר זיין בעל הבית, וואס מיר האבן

געלערנט דארטן אז די ווייב קען, און אפילו אן עבד דאכט זיך ס'שטייט דארט אין די פנים, איז אויך מזכה על ידי עירוב תחומין. איינער וואס איז מזכה על ידי עירובי חצרות איז איינער וואס איז מזכה על ידי עירוב תחומין.

ס'מיינט, ס'דארף זיין איינער וואס איז נישט ידו כידו, ס'הייסט ווי א קטן, און ס'הייסט ס'דארף זיין א מענטש וואס האט א רשות, אפשר אפילו א קטן, אז מיט די רבנן קען מען מאכן א קטן זוכה זיין. אבער נישט איינער וואס איז די זעלבע רשות ווי דיך, אדוני ובנו ובתו. אה, דאס איז איינער וואס איז נישט דער זעלבער מענטש ווי איך. זייער גוט. דארף זיין איינער, אבער עבד עברי איז שוין א שאלה, ס'איז נישט ידו כידו. בקיצור, דארף זיין א צווייטער מענטש וואס איז נישט דער זעלבער מענטש ווי דיר. זייער גוט.

### הלכה כ — נותן מעות לבעל הבית / חנווני / נחתום

שוין, די רמב"ם ווייטער, **נותן אדם מעות לבעל הבית**, א מענטש קען געבן געלט פאר א בעל הבית **כדי שיקח לו בהן פת**, קויף ברויט און מאך אן עירוב תחומין. דאס קען מען טון. אבער מ'געט פאר א חנווני או לנחתום, פאר א בעקער, און מ'זאגט אים "זכה לי במעות אלו עירוב", פארוואס נישט? ווייל מ'האט נישט געמאכט קיין שליח, און מ'טראסט נישט וואס ס'איז געשען.

#### דיסקוסיע: פארוואס ארבעט עס נישט ביים חנווני מיט נאר געלט?

פארוואס פאר א חנווני קען מען עס נישט טון? יא. איך ווייס נישט פארוואס. ס'הייסט עפעס נישט ער איז ממנה געווען? מ'האט אים נישט געגעבן א לשון שליחות. ער זאגט אז ס'איז נישט קיין לשון שליחות. פון וואס רעדט מען דא בכלל? איך זאג אים, "זיי אזוי גוט, לייג מיר די עירוב ביי יענע און יענע פלאץ. לייג מיר די ברויט. איך צאל דיר פאר א ברויט, לייג די ברויט דארטן און דארטן."

יא, ער זאגט אז די פראבלעם איז אז מטלטלין איז נישט נקנה במעות. סאו, ער האט אים נאר געגעבן געלט, און ער האט אים נישט מזכה געווען. אויב ער וואלט אים מזכה געווען, וואלט יא געווען גוט. דאס איז נישט די שאלה. דאס הייסט, אויב דער חנווני וואלט נאכדעם געגאנגען נעמען א צווייטן און געזאגט, "זכה לאדם פלוני וערב", איז גוט. די פוינט איז, דאס הייסט, אויב איך געב געלט פאר א מענטש, און יענער גייט צום סטאר, מאכט יענער א געהעריגע משיכה אויף די ברויט, און ער מאכט עס פאר מיך די משיכה, און ער לייגט מיין עירוב. אבער דער חנווני, ער האט דערווייל א ברויט, און איך האב נאר געגעבן געלט, און נאר מיט געלט איז מען נישט קונה. ער דארף עקסטער מאכן א זכייה. די פוינט איז, ער האט נישט געמאכט קיין זכייה.

#### "ערב עלי במעה זו" — לשון שליחות

**"ואם אמר לו ערב עלי במעה זו"**, אנשטאט וואס ער האט אים יא געזאגט באופן שליחות, **"הרי זה לוקח בהן פת ואוכל ומערב עליו"**. פארוואס? ווייל דעמאלטס ווייסט דער חנווני אז ער דארף מקנה זיין די... דאס הייסט, "לוקח בהן", איז קויפן. דער חנווני גייט גיין קויפן בשליחותו און אים דאס לייגן.

#### קנין חליפין מיט א כלי

**"אם נתן לו כלי ואמר לו תן לי בזו אוכל ואזכה לי בה"**, ער זאגט אים די כלי און אין דעם מאך די עירוב, **"הרי זה לוקח אוכל ומערב עליו"**, זאל ער עס טון באופן, ער דארף פאלגן, יא?

אה, ער זאגט אים, "תן לי בזו" מיינט, אה, ער זאגט אים, "זיי קונה די כלי, און מיט די געלט גיב מיר די...". דאס קען מען יא, דאס איז א קנין וואס מען קען מאכן, און דאס הייסט אז ער האט אים טאקע מקנה געווען. דאס איז א קנין חליפין. די פוינט איז אז ווען דער חנווני, נאר מיט געלט, איז נישט געווען קיין קנין, ווייל ער איז נישט מקנה געווען. אזוי איז מיין איך די פשט. אקעי, גיב מיר א מינוט.